בס"ד

שנה ג'
נומער 154
**פרשת מקץ-חנוכה**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**א מעשה פון א צדיק:**
די איי איז אראפגעפאלן

**מיט א טיפערן בליק:**
ברסלב'ע מתנות

**א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א:**
אין שטעטל הערט מען נאר פייגלעך קוויטשען



דער ראש ישיבה מיט די קינדער ביים זיך וואונטשן נאך חנוכה ליכט צינדן



דער אומפארגעסליכער מו"ה יצחק ראזענבערג ע"ה ביים זיך וואונטשן מיט זיינע קינדער שיחיו נאך חנוכה ליכט צינדן

# קריית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער**


צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**
BRESLEVCENTER.COM




די פרשה פון די וואך
מיט אנדערע ברילן
5


הנהלה מעלדונג
איבער קויפן הייזער אין שטעטל
3


היכל הקודש נייעס
מעשה'לעך ארויסגעקומען אין א קאלערינג בוך
12


שטעטל נייעס
געפעפטן די טויערן פון פערלעס קליידער געשעפט
8


בילדער ארכיוון
מוהרא"ש באזוכט אין ישיבה זאת חנוכה תשע"א
31


מיט א טיפערן בליק
ברסלב'ע מתנות
14


## זמנים Liberty

מקץ - חנוכה ל' כסליו תשפ"ג

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 04:14 |
| מוצאי שבת | 05:45 |

**מנחה מעריב ויגש ... 05:30**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 23 | 48°/8° | | Rain/Wind |
| Sat 24 | 16°/5° | | Partly Cloudy/Wind |
| Sun 25 | 18°/5° | | Partly Cloudy |
| Mon 26 | 21°/11° | | Partly Cloudy |
| Tue 27 | 27°/12° | | Partly Cloudy |
| Wed 28 | 31°/20° | | Mostly Cloudy |
| Thu 29 | 36°/27° | | Partly Cloudy |
| Fri 30 | 41°/32° | | PM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן קכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה הלל ווייס הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת בי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

א לעכטיגן יום טוב חנוכה

קהל היכל הקודש — קרית ברסלב

# וויכטיגע מעלדונג

מיט דעם טוען מיר ווידערהאלן אונזער שטעלונג בנוגע קויפן און פארקויפן דירות אין קרית ברסלב דאס נעמט אריין ביידע געגענטער פון קרית ברסלב ווי אויך די אלע אומגעגנטער די טאונ'ס פון די צוויי געגענטער וואס זענען שוין היינט א חלק פונעם קריה, קאמערשעל און סיי רעזידענשעל צוגלייך.

די איינציגע וועג אפצוהאלטן פרייזן פון ארויפגיין מער פונעם מארקעט פרייז, איז מיט דעם וואס מען וועט זיך האלטן און נישט אליין קויפן און פארקויפן קיין שום שטחים אן די רשות פון די חברי ההנהלה וואס זענען געשטעלט געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א.

דערפאר טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן אז עס איז נישט ערלויבט צו קויפן קיין שום שטח אין די אויבענדערמאנטע געגענטער אן די רשות פון די חברי ההנהלה.

מיר וועלן בעזרת השם שטיין זייער שטארק דערויף נישט צו לאזן חס ושלום אינטערהאקן די הצלחה פונעם שטעטל, וואס איז געשטעלט צו ערמעגליכן פאר אנשי שלומינו צו קויפן דירות פאר די מארקעט פרייז, מיר וועלן מוזן שטיין זייער פעסט מיט דעם אז איינער וואס וועט ברעכן די תקנה וואס איז געשטעלט געווארן, און אליין קויפן וועט ווערן אויסגעשלאסן פון די קהילה און פון די מוסדות.

געדענקט וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן ווען מען האט געעפענט דעם שטעטל: אלע וואס קויפן פאר טייער וועלן נישט קענען מאכן קיין געלט אויף אונזער חשבון; מען זאל זיי לאזן שטיין ליידיג ביז זיי וועלן דאס דארפן פארקויפן אדער פארדינגען לויט די פרייז וואס די חברי הנהלה באשטימען.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# די פרשה פון די וואך

מיט אנדרו ברילן

## חלק א'

נא! נישט די ברילן... געב מיר עפעס א צווייטס... נע... איך בין נישט קיין זינגער... אה! דאס איז שוין עטוואס בעסער... אבער, נאכאלץ נישט די ריכטיגע, לאמיר זען נאך עפעס... אקעי! דאס איז גאנץ כמעשה'דיג... וואס נאך האט איר עפעס...?

מיר געפינען זיך נישט אין ברילן געשעפט, און מיר נעמען אייך נישט יעצט צום גלעזער סוחר... עס איז פשוט אריבער צוויי אזעלכע שיינע סדרות, וישב און מקץ, איך פיל עפעס ווי די פרשה שרייט 'דרשינו', ווען איך לערן די סדרות פיל איך ווי עס וועקט מיך אויף עפעס גאר א באקאנטע מעשה. אין די שפת המדינה וואלט מען עס אנגערופן "איט רינגס עה בעלל..."

איך שפיר אז עס איז פשוט די ברילן וואס מען דארף צופאסן מען זאל האבן די ריכטיגע וויזיע וואס אזוינס דא טוט זיך אפ.

איז לאמיר א מיש טאן אפאר בלעטער צוריק צום אנהייב פון פרשת וישב.

יעקב באזעצט זיך אין לאנד כנען.

דאס זענען די איבערלעבענישן פון יעקב: יוסף פאשעט די שאף מיט זיינע ברודער, ער חבר'ט זיך מיט די קינדער פון די דינסטן.

יוסף האלט אין איין רעדן צום טאט'ן שלעכטס אויף זיינע ברודער.

יעקב האט ליב יוסף מער פון זיינע קינדער.

יעקב מאכט א שיין העמעדל פאר יוסף.

מען האלט אינגאנצן ביי פסוק גימל - און איך קען נישט כאפן וואס דא גייט פאר.

די תורה גרייט זיך צו דערציילן איבער דאס לעבן פון יעקב, **אלה תולדות יעקב,** נו! לאמיר הערן, וואס איז די לעבנס געשיכטע פון יעקב?! די ערשטע זאך איז: "יעקב קומט אן קיין ארץ כנען", גראד נאכן זיך אביסל מסדר זיין, שוין אויסגעפאקט די באקסעס... און... עס עקזיסטירט גארנישט, מען רעדט נישט פונעם היסטארישען באגעגעניש פון יעקב מיט יצחק וואס ער האט שוין נישט געזען איבער דרייסיג יאר, מען רעדט נישט פון קיין שום שטוב ווירטשאפט, מען רעדט נישט פון יעקב'ס קינדער, גארנישט! עס איז נאר דא איין איינציגע **"העדליין נייעס"** "יוסף חבר'ט זיך מיט די קינדער פון די דינסטן", מיט דעם הייבט זיך עס אן, און מיט דעם ענדיגט זיך עס,

עס איז יעצט נאר דא איין איינציגע געשעהעניש **יוסף בן שבע עשרה שנה והוא נער את בני בלהה ובני זלפה.** אויסער דעם עקזיסטירט נישט קיין משפחה, קיין טאטע, קיין ברודער... גארנישט... ברעיקינג ניוז! יוסף שפילט זיך מיט די קינדער פון די דינסטן.

נאך נייעס...? יוסף רעדט שלעכטס אויף זיינע ברודער, און... זיין טאטע ליבט אים מער פון אלע ברודער.

איז וואס גייט דא פאר?

**יעקב זוכט נחת**

יעקב קוקט זיך אום, מ'איז ענדליך אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה, מען איז צוריק אין כנען, יעצט דארף מען זען ווער פון די קינדער איז גרייט זיך שמוציג צו מאכן, ווער איז גרייט ארויסצוגיין פון זיין וועג צו העלפן א פארשעמטן, א צובראכענע, עס איז נישט דא קיין צייט פאר קיין כיבודים, פאר קיין מעשיות, גארנישט, עס איז דא איין זאך, יעקב קומט צו **"ארץ 'מגורי' אביו"** ער זוכט ווי מען קען ווייטער ברענגען אידן צום אייבערשטן, **'מגורי'** טייטש דער מדרש, מ**גיורי** אביו, ער זוכט ווי ער קען ווייטער פארכאפן... מענטשן, זיי מגייר זיין און מאכן טראכטן 'עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט', דאס איז געווען די יסוד היסודות ביים זיידן אברהם, און דאס איז געווען די הויכפונקט ביים טאטן



יצחק, און יעצט זוכט יעקב ווער גייט ווייטער טון די הייליגע - ביטער שווערע - ארבעט אזוי ווי זיין זיידע אברהם און זיין טאטע יצחק האבן געטון.

**יעקב אטעמט אפ**

אה! עס איז דא עפעס נחת... יוסף שטארט ארויס צווישן זיינע ברודער מיט די איינציגסטע און וויכטיגסטע זאך, **"והוא נער את בני בלהה ואת בני זלפה"** עס איז העדליין אין די פרשה, יעקב אטעמט אביסל אפ, ער קען זיך אביסל בארואיגן, עס איז דא איינע פון די קינדער וואס האט געכאפט וואס דער עיקר איז יעצט, עס איז דא א יוסף וואס עס ברענט אים אויפצוהייבן נשמות ישראל.

**דיסקלעימער!**

אײדער מיר טרערן אריין אין די פרשה, מוזן מיר חזר'ן גאר א וויכטיגע זאך: **מיר האבן נישט קיין אנונג בכלל ווי אזוי מיר הייסן!** און חס ושלום אז מיר זאלן אריינרעדן אין אזא הייליגע טעמע, די הייליגע טאטעס די "שבטי ק-ה עדות ישראל", אבער וואס יא?! מיר דארפן נעמען די הייליגע פרשה, און זען וואס מיר קענען ארויסנעמען פאר זיך, "שבטי ק-ה" די פרשה פון די הייליגע שבטים, "עדות לישראל" דאס דארף זיין א עדות פאר אונז אידישע קינדער ווי אזוי מיר זאלן זיך פירן.

**יוסף קרענקט די הנהגה פון זיינע ברודער**

יוסף קומט כסדר צו זיין טאטן, עס קרענקט אים, עס טוט אים וויי, ער וויינט פון טיפעניש פון זיין הארץ, וואס גייט פאר מיט די ברודער, ער דערציילט פאר זיין טאטן: "די הייליגע שבטים, זענען טאקע די גרויסע בעלי מדריגה זיי דינען דעם אייבערשטן מיט מסירת נפש, אבער פארוואס דערווייטערן זיי איינער וואס איז נישט נישט אין זייערע מדירה? פארוואס זענען דא צווישן אונז טייל וואס שפירן זיך צווייט קלאסיג?" **"והוא נער את בני בלהה ואת בני זלפה"** (רש"י) לפי שהיו אחיו מבזין אותן והוא מקרבן, יוסף קען דאס נישט צוקוקן, ער האלט עס נישט אויס ער האלט אין איין אויסגיסן זיין ביטער הארץ פאר זיין טאטן איבער דעם וואס די ברודער דערווייטערן די הייליגע נשמות. **ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם.**

יעקב אטאמאטיש ליבט יוסף מער פון אלע ברודער, ווייל פונקט ווי עס קרענקט פאר יוסף קרענקט דאס פונקט אזוי פאר יעקב, דאס איז די גאנצע זאך וואס לעכערט די הארץ פון יעקב - "נאו מעען לעפט ביהיינד" מען קען זיך נישט ווארפן מיט קיין אידישע נשמות - דאס איז דאך די **'מיטל פונקט'** וואס אלעס דרייט זיך ארום דעם, דאס איז די גאנצע וואס האט געברענט פאר'ן זיידן אברהם, אברהם איז געגאנגען וואנדערן צו טרעפן א 'עובר ושב' א מענטש וואס ווייסט נישט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און אריינגעשיינט אין אים אריין א נייע גייסט, דאס איז די **'גולת הכותרת'** פונעם **'מלכות אבינו'** איך האב נישט די ריכטיגע ווארט צו באצייכענען די נאמען פונעם 'חסידות'... די נאמען פונעם 'מלכות'... אזוי ווי היינטיגע צייטן האט יעדע חסידות יעדע מלכות... א שפיגעלע, א הויך פונקט וואס דאס יז זייער עיקר... דאס זעלבע איז געווען ביי אונזערע אבות, ביי אבהרם ביי יצחק, אלע האבן געהאט איין ציל מאכן, פארוואנדלען דעם 'אלוקי השמים' דעם הימלישן אייבערשטן אים מאכן 'אלוקי הארץ' מענטשן וואס זענען אויף דער ערד... אין דער ערד... און טיעף אין דער ערד... ביי זיי איז אויך דא פלאץ ביים טאטן אין הימל.

**צאמגענומענע שיינע פיאות... רבי'שע קליידער...!**

יעקב הייבט אויף יוסף איבער זיינע ברודער, יעקב מאכט אים שיינע קליידער, יעקב וויל אז יוסף זאל גוט אויסנעמען ביי מענטשן. ווייטער יוסף אליין געבט אויך אכטונג אויף זיין אויסזען, ער מאכט זיך שיין זיינע פיאות, ער שטעלט זיך אהער, **"והוא נער"** זאגט אונז די תורה - ער טוט זאכן וואס זענען נישט לויט זיין מדריגה, ער לאזט זיך אראפ, ער שמועסט מיט מענטשן נייעס, זאכן וואס זעען אויס שטותים, על דא ועל הא, עס זעט אויס ווי עס אינטערעסירט אים **נער**'ישקייטן, קינדערישע זאכן, אבער זיין קאפ איז איין זאך **"את בני בלהה ואת בני זלפה"**, ווי אזוי קען מען אריינברענגען אין די ברודער וואס זענען גע'לעיבל'ט: **'קנעכט'**... ווי אזוי קען מען זיכער מאכן אז זיי פילן זיך א חלק פון כלל ישראל, אפילו זיי זענען נישט קיין בעלי מדריגה, אפילו זיי זענען קינדער פון דינסטן, ער מאכט א היימישע אטמאספער, ער מאכט זיי שפירן אז ער איז פונקט ווי זיי, עס אינטערעסירט אים די אלע זאכן וואס אינטערעסירט זיי, און אזוי ברענגט ער זיי צום אייבערשטן.

יעקב זארגט אויך פאר דעם! יוסף...! א מפיץ...! א מפיץ מוז האבן א **'כתונת פסים'**, א מפיץ מוז זיין **'מסלסל בשערו'**, אזוי אז א מענטש זאל זען: "אה! "דאס איז א קינד פון יעקב", "ווי אים וויל איך אויסקוקן", "איך וויל אויך גיין אין די וועגן פון די מענטשן".

**די פרשה באקומט עפעס א אנדערע דערהער, אבער מיר האבן נאכנישט אנגעהויבן.**

די ברודער, די שבטים האבן נישט קיין א-א-אנונג וואס דער יונגסטער ברודער וויל דא האבן, פאר זיי אין די אויגן קוקט עס אויס ווי ער ברענגט אראפ אידישקייט, מען מאכט גרינג אידישקייט, נו! פעך מסלסל בשערו, זיי קענען נישט סובל זיין דעם יוסף'ן, "וואס איז די מעשה מיט דיר", "וואס ביסטו פארנומען מיט מיסיאנערישע זאכן", זיץ איין, שפרינג נישט, ברענג נישט דא אן קיין בני השפחות, לאז מנוחה, ווער עס וויל זיין ערליך, ווער עס וויל דינען דעם אייבערשטן **מיט אן אמת** זאל קומען אין בית המדרש, און... ברענען, פלאקערן, טראסקענען, רייסן שטיקער פון זיך! א שוואכע כאראקטער, איינער וואס קען נישט לעבן מיט א העכערקייט, מיט א דביקות צום אייבערשטן, איינער וואס האט נישט קיין השגות אין רוחניות אלוקות, ער באגרייפט



ניסט דעם שכל אלוק(לייג א פינטל אינטערן קוף)'י, אזא איינער זאל מוחל זיין, זיך זוכען א צווייטער מקום, מיר האבן נישט קיין בית לפליטות, ווילסטו זיין מיט יעקב זאלסטו דיך צושטעלן מיטן גאנצן שטורעם!

**יוסף'ס פארדריסליכער טעות**

יוסף האלט אין די ערשטע פאזע פון זיין לעבן, "**יוסף בן שבע עשרה שנה**", ער איז נאך יונג, ער ווייסט נישט אז מען טאר נישט חס ושלום אריינגיין אין קיין ויכוחים, ער ווייסט נאכנישט אז א עובד השם, איינעם וואס די לעבן גייט אים פאראויס, ער האט נאך - "**דערוויי'ל**" הערסט? דערוויי'ל! - נישט קיין נסיונות, צו אזא איינעם קענסטו נישט רעדן, יוסף איז נאך יונג מיט ווייניג ערפארונג, ער מאכט א פארדריסליכער טעות, ער גייט... 'מסביר זיין' ער גייט... 'זיי זאגן', ער גייט... 'זיך טענה'ן', ער גייט... 'אויפווייזן'.

ביי אים איז עס געווען אזא זיכערע זאך, מען קען דאך ראטעווען די וועלט מיט די לימודים, ער מוז זיי ערקלערן די פשוטע פוינט: אז מען מוז אקצעפטירן יעדן איד ווי אזוי ער איז, עס ברענט אין אים א פייער! עס איז אזא שאד, קוק ווי לעכטיגע אידישע קינדער פון אונזערע אייגענע ברודער גייען א גאנג! א שאד א שאד! א שאד אז מיינע ברודער זאלן אפסטעמפלען מענטשן... 'ער? ער איז דאך א שוואכער!', 'דער? דער איז דאך א שגץ!' ער פרובירט צו כאפן א שמועס, זיי מסביר זיין: "דאס זענען נישט קיין שקצים", מיר מאכן זיי פאר שקצים, מיט דעם וואס מיר קוקן אויף זיי שלעכטס טוען מיר זיי דערוויטערן פונעם אייבערשטן... אבער "**ולא יכלו דברו לשלום**" פון די אלע ויכוחים איז מען נאר אנגעקומען צו אנגעצויגענקייטן, צו רייבערייען.

**יוסף געבט נישט אויף**

אבער עס רייסט אזוי אינעם הייליגן צדיק "**יסוד**" עולם, פארוואס זאל מען נישט אנגרייטן קינדער, פארוואס זאל מען טראכטן: "איך בין מסודר", "איך בין העכער פון די אלע זאכן", "איך קען נישט דורכפאלן", פארוואס זאל מען נישט זיין אנגעגרייט פאר זיבן מאגערע יארן... ווען **אומגעראכטענע** נסיונות שפראצן ארויס, פארוואס זאל מען נישט אנגרייטן קינדער, לאמיר שוין זאגן אז דו ביסט טאקע העכער, דו ביסט טאקע שטארק, דו ווערסט נישט נתפעל פון נסיונות, אבער - גאט אין הימל - מען קען דאך אזוי נישט אויפציען קיין קינדער, מען מוז דאך זיי געבן צו הערן אז עס איז דא א דאר'ן סיי"ד אין לעבן, עס זענען דא קראנקע מענטשן וואס קענען צוגרינד לייגן דיין לעבן, עס זענען דא נסיונות וואס פריער אדער שפעטער וועט מען זיך דארפן ספראווענען דערמיט אין לעבן.

**א נייע זאך... מ'דארף געבן ליבשאפט...!**

"ויראו אחיו כי אתו '**אהב**' אביהם מכל אחיו '**וישנאו**' אתו" וואס איז די נייע שפראך וואס איז דאס ליבשאפט שוין ווייטער... עס איז דא עבודת השם, עס איז דא העכער'ס, און שוין... וואס איז די נייע שפראך פון וואס יוסף האט אריינגעברענגט, מען האט אלעמאל געווייסט אז מען דארף רייסן שטיקער פון זיך, מען דארף מאנען פון די קינדער, מען דארף זיי מאכן פילן ווי זיי האבן נאכנישט אנגעהויבן, זיי דארפן וויסן אז זיי זענען וו-וו-ווייט וו-וו-וו-ייט וו-וו-וו-ייט פון די אבות, קינדער דארפן וויסן אז עס איז נישט מעגליך צו אנקומען צו זיין א ערליכער איד (סיי"ד נאו"ט: זיי זענען אויפגעוואקסן צוגעזען די עבודת השם ביי לבן, ווי דער הייליגער רבי טייטשט, לבן איז דער ווייסער מלאך המשחית, דער פרומער רשעות'דיגער מלאך, זיי האבן נישט צוגעזען די מסורה פון אברהם און יצחק) און דא קומט מען מיט נייע ווערטער פון געבן ליבשאפט?

**יוסף בעט זיך - אפשר דאך - הערט אויס מיין חלום!**

יוסף זוכט זיך עפעס צו רייצן מיט זיינע ברודער?? ער זיכט צו דערציילן חלומות? האסט געהאט א שיינע חלום? פאק איין! און אפילו עס איז א חלום אז די ברודערגייען זיך ביקען פאר דיר, און אפילו עס איז א אמת'ע חלום, וואס איז די ענין פון דאס דערציילן, נאכלויפן די ברודער און זיך רייצן מיט זיי? חס ושלום יוסף וויל זיי פשוט דעליווערן די וויכטיגע פוינט, עס בלוטיגט אים דאס הארץ, ער זעט ווי ס'פאלן שטיקער פון כלל ישראל, אידישע קינדער פרובירן נאכצולויפן דעם שנעל לויפעדיגע באן און זיי פאלן נעבעך מאכטלאז, חלשות, טויט, נישט קענענדיג דעריאגן דעם 'אמת'ן' ערליכער איד, דעם 'אמת'ן עובד השם (**אובד** מיט אן אלף, א פארלוירענער), יוסף פרובירט איין מאל און נאכאמאל, אבער מען צורייסט זיינע ספרים, וואס דארפסטו אויפקלערן, וואס דארפסטו רעדן א נידריגע שפראך, ווער לייגט נישט קיין תפילין? ווער היט נישט קיין שבת? ווער ארף די קרי' 'בני השפחות' כתיב 'שקצים'? זאלן זיי זיך גיין צו אלע רוחות! א נייע מעשה, קירוב!

ער בעט זיך ביי זיינע ברודער: "**שמעו נא** איך בעט מיך ביי אייך, הערט אויס **החלום הזה אשר חלמתי**" ער קען נישט גיין ווייטער, עס קרענקט אים, ער מוז זיי געבן א חלום, א משל, א מעשה, זיי זאלן פארשטיין אז די וועג פון גיין בחומר הדין, פון מאנען, פון נישט זיין צופרידן פון זיך, דאס האט נישט קיין קיום.

קוקט אן אייערע בינטלעך, אייערע חידושי תורה, (א תורה איז א צאמשטעל, א בינטל, א קשיא פון דא, א ראי' פון דארט, און א תירוץ פון א דריטע פלאץ) אייערע בינטלעך - עס איז שיינע בינטלעך - אבער סוף כל סוף וועט ער נישט קענען אויסהאלטן פון די שווערע נסיונות, ער וועט מוזן צום סוף קומען און הערן מיינע חידושי תורה, וואס איז אריינגעפלאכן ווארטער וואס גיסן באלזאם אז אפילו דו ביסט טיף אין דער ערד ביסטו נאך אלץ חשוב ביים אייבערשטן, נישט יעדן טאג שיינט די זון, אמאל כאפט מען א פליק, און אויב מען איז נישט גרייט דערפאר פאלט מען.



**"והנה אנחנו מאלמים אלמים בתוך השדה והנה קמה אלמתי וגם נצבה והנה תסבינה אלמתיכם ותשתחוין לאלמתי".**

אבער די ברודער כאפן נישט וואס ער וויל דא, וואס איז דא די נייע דרך אין עבודת השם, אה דו ווילסט ווערן מפורסם... דו ווילסט באקומען נאך חסידים... וועגן דעם רעדסטו אזא שפראך... זיי שרייען אויף אים: "דו פאר דיר קענסט טון וואס דו ווילסט אבער מיר וועלן זיך נישט בייגן פאר דיר, נא נא נא נא! דו ווילסט קויפן חסידים? פיין! אבער נישט אונז! **המלוך תמלך עלינו אם משול תמשל בנו**".

**פאלשע התחדשות האט נישט קיין קיום!**

יוסף זעט אז עס גייט נישט, אבער ער געבט נישט אויף, מען גייט דערליווערן די מעסידזש, עס איז דא א צווייטע חלום, די צווייטע איז נאך שטערקער פונעם ערשטן, מען רעדט שוין נישט פון קיין שטרוי, מען רעדט פון צדיקים, די זון, די לבנה, די שטערנס, די הויכע פלאנע־טן, די גרויסע באלייכטונגען, די צדיקים, **והנה השמש והירח והכוכ־בים משתחווים לי**, אפילו צדיקים מוזן אויך אנקומען צום לימוד פון הייליגן רבי'ן, אויב דו לערנסט מיט א יונגעלע, אויב געבסטו דעם געפיל פאר א פרישער בר מצוה בחור, דו גייסט יעצט אנהייבן דיין לעבן, דו גייסט איינעמען די וועלט, דו גייסט נאר פאלגן דעם יצר טוב, עס איז א פרישקייט, עס איז א נייע לעבן. ווי לאנג קען אזא זאך אנהאלטן? איך ווייס נישט! ביי יעדעם איז עס אנדערש. אבער צום סוף וועט עס אונטערפאלן, אזא וועג קען נישט האבן קיין קיום, נאר מיין בינטל בלייבט שטיין, א חידושי תורה, א שיעור, א ווארט, א בריוו וואס געבט אנצוהערן: "געב נישט אויף", "דו ביסט נישט פארפאלן", "ווי דו ביסט, דארט איז דער אייבערשטער", "דו ביסט נישט קיין שוואכער", "הייב אן פון יעצט", "אביסל איז אויך גוט", "טו וויפיל די קענסט יא", "רייס נישט קיין שטיקער פון זיך", "אז דער יצר הרע האט דיך געכאפט - אדער אז דער יצר הרע גייט דיך איין טאג כאפן, נישט געזארגט, דער צדיק האט לימודים פאר דעם "קענסט אנהייבן פון יעצט", יוסף גיסט באלזאם אויף פאר צדיקים, ער גרייט אן א באדן פאר יעדעם איינע, ביי אים איז נישט דא אזא ווארט: "ער דארף נישט קיין חיזוק", "ער איז א צדיק", "ער איז נאך א יונגעלע א בחור'ל", יוסף ווייסט אז טאקע יעצט אפשר איז אלעס בסדר אבער מען מוז זיין אנגעגרייט פאר א 'אפשר'.

און די דיבורים נעמען נאך די ברודער מער ארויס פון די כלים, וואס?! מילא די שוואכע, אבער וואס דארפסטו פארכאפן זיידענע יונגעלייט, פארוואס דארפן יונגע בחורים וויסן אז עס איז דא אזא זאך אז מען קען דורכפאלן, די ברידער האבן אים נאך מער פיינט, זיי ווילן נישט הערן די שפראך, "**ויוספו עוד שנא אתו על חלמתיו ועל דבריו**".

**יעקב בייסט זיך די ליפן**

יעקב שטייט אין די זייט, ער בייסט זיך די ליפן, ער ווייסט אז יוסף איז די עצה פאר כלל ישראל, אן יוסף איז א שאד צו רירן א שטיינדל, אויב האסטו נישט די חיזוק פונעם צדיק איז נישט דא קיין קיום פאר כלל ישראל, דער איינציגסטער וואס קען פארלענדן אלע שרי עשיו איז יוסף, "**והיה והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש**", אבער פון די אנדערע זייט אויב וועט ער זיך אננעמען פאר יוסף וועט עס נאכמער ארויסרופן בייז בלוט אויף אים, אהא! דו האסט אונטערגע־קויפט דעם טאטן אויך. דא קומט ארויס פלוצלינג א נייע קארטל, אהה! דער טאטע איז שוין אלט, און דו זיצט ביים טאטן אין שטוב, דו האסט אים שוין אויך היפנעטייזד אז די גאנצע וועלט איז פול מיט תועבה און נאר ווער עס לערנט דיינע ספרים ווערט גערעטעוועט, יעקב זעט עס וועט נישט העלפן יעצט קיין אננעמען, עס איז דא איין עצה אביסל צו בארואיגן די געמיטער עס זאל נישט ממש ארויסגיין פון קאנטראל, יעקב מאכט קולות אויף יוסף, בלית ברירה מוז מען זיך פארמאכן דאס מויל, "**ויגער בו אביו ויאמר לו מה החלום הזה אשר חלמת**".

יעקב האט געזען די מצב, דא גייט זיך גארנישט טוישן, די סיסטעם פון די קינדער פון ישראל די קינדער פון יעקב עד סוף כל הדורות גייט גיין מיט דעם מענטאליטעט, פארוויטאגטערהייט ווארט יעקב אז כאטש נאך וואן עס וועט שוין זיין אזויפיל קרבנות, נאך וואן כלל ישראל וועט שוין זיין צופליקט, נאך כלל ישראל וועט שוין 'פעיסן פעקט', די ווייטאגליכע מציאות פון לעבן וועט פאטשן אין פנים, מען וועט איבערגיין א פרשה פון יהודה מיט תמר, א פרשה מיט מצרים, און דעמאלטס **ואביו שמר את הדבר** יעקב מוז שרייען אויף יוסף, יעצט מוז מען זיך צומאכן די אויגן, עס איז נישט דא צו וועמען צו רעדן, די בני עלי' פארשטייען עס נישט, און וועלן עס נישט פארשטיין, ליידער וועט מען דארפן צאלן דעם טייערן פרייז, הוי! **ואביו שמר את הדבר**, הלוואי - טראכט זיך יעקב - זאל מען כאטש דעמאלטס איינזען אין די הייליגע לימוד וואס יוסף לערנט, הלוואי זאל מען זיך שוין בוקן ביז צו דער ערד - אנשטאט זיך דעמאלטס ווייטער באהאלטן די פנים אין זאמד - און אננעמען דעם לימוד פון יוסף הצדיק.

**דער טאטע האט נישט געהאלטן דערפון**

אבער אזויפיל איז שוין געבליבן, עס איז געבליבן שוין די מימרא העגנען אין די לופן, יעדער האט געוויסט צו זאגן: "דער טאטע האט נישט געהאלטן פון יוסף, דער טאטע האט דאך ברבים געשריגן אויף אים...!" יא! און אזוי איז עס טאקע געווען, די מעינסטריעם, די סיסטעם איז ווייטער געגאנגען, מען דארף רייסן פון זיך, מען דארף מאנען פון זיך, מען דארף זיך אפשיידן פון די וועלט, און כלל ישראל ווערט נעבעך איינס איינס אויסגעלאשן.

פארזעצונג קומט אם ירצה השם



# שטעטל נייעס

## גרויסארטיגע בית התבשיל חלוקה אין שטעטל



א גרויסע חלוקה פון פיינע פרישע פראדוקטן איז פארגעקומען זונטאג ערב חנוכה ביים בית התבשיל, פון פרוכט, ירקות, אייער, אויל, צוויבל, א אויסוואל פון טרינקן, נאש, און פיל נאך, פארנט פונעם שטוב פון האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו מנהל בית התבשיל.

ר' שלמה נרו יאיר מיט נאך אפאר איינגעלייט גיבן זיך אוועק א גאנץ יאר פאר די וואוילזיין פונעם שטעטל אין אלע הינזיכטן וואס פעלט זיך נאר אויס, אנגעהויבן פון צאלן גראסערי פאר משפחות וואס דארפן דאס האבן, אזוי אויך טוט מען צושטעלן יעדן ערב שבת פיינע פרישע עסן לכבוד שבת פאר אלע וואס דארפן דאס האבן, אויך ווערט צוגעשטעלט חלוקות יעדע שטיק צייט יעדעס מאל פארשידענע אנדערע פראדוקטן, ספעציעל העלפט מען ארויס די כלי קודש ווי די מלמדים און כולל איינגעלייט וואס אויף זיי שטייט די שטעטל. אזוי אויך נאך פילע אקוויטעטן וואס קומט פאר אינטער די שירעם פון די בית התבשיל ארגאניזאציע.

די גרויסארטיגע חלוקה איז געווארן צוגעשטעלט מיט די הילף פון האברך ר' ליפא שווארץ הי"ו, וואס מאכט זיכער עס זאל שטענדיג זיין פרישע חלוקות פאר אנשי שלומינו, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס.

## געעפענט די טויערן פון פערעלעס קליידער געשעפט



פריילעכע נייעס הערט מען אז די קליידער געשעפט מיט'ן נאמען "פערעלס" (געהייסן אמאל באזאר) וואס איז געווען ביז יעצט אינעם בעיסמענט פונעם שטוב ביי האברך מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו האט זיך אין די טעג אריבערגעצויגן אינעם נייעם הערליכן לאקאל אויף 462Twin Bridge נעבן 'די לאונטש', די נייע לאקאל וועט ערמעגליכן צו זיך קענען אויסברייטערן אויף א גרעסערן פארנעם, און קענען צושטעלן מער פאר אנשי שלומינו, וואס קויפן דא איין זייער שטאפיר פאר די גאנצע משפחה.

צוויי וואכן צוריק איז פארגעקומען א שיינע לאנטש פאר די טייערע פרויען וואלונטירן וואס העלפן ארויס יעדע וואך, מען האט אויסגעשמועסט אלעס וואס מען קען בעסער מאכן אינעם סטאר, אויך האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה האט גערעדט אפאר ווערטער וואס מען האט אויפגעשפילט בשעת מעשה, די גרויסע זכות וואס מען האט צו העלפן די שטעטל פונעם רבי'ן, ווען מען העלפט די קליידער סטאר איז אזוי ווי זיין הצלה מעמבער, מיט דעם העלפט מען מענטשן נישט כאפן הארץ אטאקעס, ווייל דא קען מען קויפן פאר ביליג, שיינע גוטע קליידער, וואס דאס מאכט מען זאל נישט דארפן גיין קויפן אין אנדערע געשעפטן פאר טייער געלט.

פארן זיך אריינציען אינעם נייעם לאקאל האט מען געמאכט אביסל קאנסטרוקציע, מען האט אריינגעצויגן מער לעקטער, אריינגעבויעט אויף די ווענט פראקטישע רעקס, צו קענען אויפהענגען אויף דעם קליידער, כדי עס זאל זיין גרינגער און געשמאקער איינצוקויפן, און פיל נאך.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר משפחת היילפרין וואס גיבט זיך אוועק נאך פון די ערשטע טאג ווען עס האט זיך געעפנט, סיי מיטן אוועק געבן זייער שטוב פאר די באזאר ביז יעצט, און אזוי אויך מיטן אהערשטעלן דעם סטאר מיט אלעס וואס עס פעלט זיך נאר אויס ביי יעדע צייט, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

אזוי אויך דארף מען זיך באדאנקן פאר אלע חשובע פרויען וואס קומען העלפן אלס וואלונטירן יעדע וואך צו אויסשטעלן די קליידער און מסדר זיין דעם סטאר אויפן שענסטן אופן וואס קען נאר זיין, די זכות איז גאר גרויס, די אלע געלטער וואס מען האט שוין געשפארט פאר אנשי שלומינו ביז אהער און וועט ווייטער העלפן שפארן געלט וועט זיכער צוניץ קומען אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

# היכל הקודש נייעס

**וויליאמסבורג**

## שבת התוועדות מיט די בחורים וואס ברענגן געלט פאר די ישיבה



א הערליכע פריוואטע שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה איז פארגעקומען מיט די בחורים וואס האבן אריינגעברענגט געלט פאר די ישיבה, די בחורים האבן געדאווענט און געגעסן אלע סעודות שבת קודש אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה, אזוי אויך האבן די בחורים מיטגעהאלטן די תפילות מיט'ן ראש ישיבה, וואס איז געווען אזוי ווארים און הארציג.

במשך די סעודות שבת האבן די בחורים געהאט די זכי' צו הערן גאר שיינע שיחות פונעם ראש ישיבה, הערליכע עצות וויאזוי זיך צו פירן אין די לעבן.

דער ראש ישיבה האט אסאך ארום גערעדט פון די הייליגע חינוך וואס מען גיבט ביי אונז אין די מוסדות פאר די קינדער, די שטארקע אמונה וואס מען לייגט אריין אין זיי, די געשמאק אין אידישקייט, א געשמאק צו יעדע מצוה, און אזוי ווייטער, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט: "א בית פיגא תלמידה דארף נישט קיין חבר'טעס."

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אלעס וואס קומט פאר אין חדר און אין סקול האט מיט מיר, איך שטיי אינטער דעם, ס'קען זיין ס'וועט קומען א צייט וואס איך וועל אפלאזן געוויסע זאכן וואס איך טוה היינט, אבער די חינוך פאר די קינדער וועל איך קיינמאל נישט אפלאזן, מיין גאנצע קאפ ליגט דארט".

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון זיין התקרבות צום הייליגן רבי'ן, אנהויב האבן אסאך פון אים חוזק געמאכט, און אים אוועקגעמאכט אויף אלע סארט וועגן. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "אבער ברוך השם איך האב מיר נישט פארלוירן פון דעם, נאר ווייטער אנגעגאנגען מיט א שטארקייט, און שטענדיג געקוקט וואס איך באקום דא ביי מוהרא"ש".

מען האט ארום גערעדט וועגן גוטע מידות, א חתן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויף דאס וואס שטייט אין שבחי הר"ן אז דער הייליגער רבי האט אין די אינגע יארן אויסגעארבעט זיינע שלעכטע מידות, וואס איז די וועג פאר אונז, וויאזוי קענען אונז אויך אויסארבעטן אונזערע שלעכטע מידות? האט דער ראש ישיבה געזאגט די עצה איז וויינען צום אייבערשטען, דאס איז די איינציגסטע עצה וואס איז דא, דער הייליגער רבי רבי אלימלך שרייבט אז די אינגע יארן מיינט ביז 18 יאר, אבער וואס זאל א מענטש טוהן אז ער איז געוואויר געווארן פון רעדן צום אייבערשטן נאך די 18 יאר? קען ער יעצט אנהייבן אויסארבעטן זיינע מידות.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם וואס צו געוויסע רעדט ער אסאך און געוויסע רעדט ער נישט, דאס איז ווייל איך רעדט נאר צו מענטשן וואס גיבן איבער פאר אנדערע וויאזוי זיך צו פירן, למשל ווען איך רעדט צו די מנהל אדער מנהלת געבן זיי דאס איבער ווייטער, במילא וועל איך צו ענדערש רעדן צו זיי.

אויך האט מען גערעדט פון הפצה, אז ווען מען גייט הפצה מאכט מען מער געלט ווי ווען מען גייט ארבעטן.

מען האט גערעדט פון די היסטאריע פון די ישיבה, צוועלף יאר צוריק חנוכה תשע"א האט מען זיך אריינגעצויגן אין סקילמאן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דעמאלט האט ער אויך אליין געארבעט אהערצושטעלן דעם בנין אז ער האט נישט געהאט קיין צייט צו צינדן די מנורה מיט די ווייב און קינדער, נאר געצינדן אליין שפעט ביינאכט.

ביי מלוה מלכה האט מען ארום גערעדט וועגן סופרות, מו"ה בערל לעווי הי"ו וואס איז א סופר אין די קהילה, איז געווען ביי די מלוה מלכה, דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ס'איז דא נאך אינגעלייט וואס לערנען זיך סופרות, וויפיל סופרים עס וועט זיין וועט נישט זיין גענוג, מיר דארפן ברסלב'ע סופרים וואס רעדן נישט קיין ניבול פה נאר רעדן צום אייבערשטן, זאגן משניות, און גייען אין מקוה, מען דארף זיין א ירא שמים צו זיין א סופר. איך שרייב יעצט די צווייטע ספר תורה, אזוי אויך איז דא נאך אינגעלייט פון אנשי שלומינו וואס שרייבן ספרי תורה פאר די קהילה.

מען האט גערעדט נאך גאר שיינע זאכן וואס מען וועט אם ירצה השם אפשרייבן און מיטטיילן פאר די חשובע ליינער.

<<<<

ווילאמסבורג

## אויפגעפרישט די האטליין



ווי די צענדליגע טויזענטער צוהערער איבער די וועלט האבן שוין זיכער געהערט און באמערקט, ווערט יעצט איבערגעפרישט די "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, און גלייכצייטיג אויך די ליין פאר די אידישע שטוב "קוואל פון חיזוק".

אזוי ווי דער אייבערשטער האט געפירט אז מען האט געמוזט אריבערפירן די טעלעפאן ליניע צו א נייע פירמע, האט מען שוין איניינוועגס אויך אביסל ארומגעטוישט די ליין, עס שענער און בעסער אויסגעשטעלט, צו די הנאה פון די פילע צוהערער.

פארשטייט זיך אז עס גייט נישט אין איין מינוט, עס גייט אריין אין דעם א געוואלד מיט צייט, כח, און ארבעט, און דעריבער נעמט צייט ביז זאכן זענען זיך מסדר אין פלאץ ווי עס דארף צו זיין. דער עיקר שוועריקייט ביי די חשובע צוהערער איז געווען דאס וואס די נומערן האבן נאך געפירט צום אלטן סיסטעם און נישט יעדער האט געקענט מיטהאלטן אלע נייע שיעורים און שמועסן וואס זענען ארויף אויפ'ן ליין ביים נייעם סיסטעם. דאס אריבערפירן די נומערן האט זיך פארצויגן לענגער ווי גערעכנט, און די פארוואלטונג פון קול ברסלב טוט זיך אנטשולדיגן אויף די עגמת נפש וואס דאס האט אנגעברענגט פאר אזויפיל אידישע קינדער וואס ווארטן מיט דארשט צו הערן נאך און נאך עצות און שכל אין לעבן, די חיזוק און לימודים פון הייליגן רבי'ן וואס זענען מחי' נפשות און בלאזן אריין לופט צום אטעמען און אקסיגן צום לעבן.

שרייבנדיג די שורות איז שוין ברוך השם צוריק געשטעלט געווארן די ערשטע נומערן אין פלאץ, עס ארבעט שוין ברוך השם אזוי ווי פריער, אבער די אויסשטעל האט זיך אביסל געטוישט מיט אנדערע אויסוואלן און באקוועמליכקייטן ווי ביז יעצט, מיר וועלן איבערגיין אין קורצן טייל פון די נייע אויסשטעל.

צום ערשט דארף מען דרוקן פאר אידיש 1 ווי ביז יעצט, און דערנאך קען מען דרוקן 0 צו הערן אלע נייע אפדעיטס און נייע זאכן וואס זענען ארויף אויפ'ן ליין.

ביים אפדעיט קעסטל (0) קען מען אלץ גיין צום קומענדיגן אפדעיט דורכ'ן דרוקן דעם פאונד קנעפל (#) און צוריק דורכ'ן דרוקן דעם זירא (0) קנעפל.

1 - שיעורים פארן טאג

* דא קען מען הערן יעדן טאג די פרישע חיזוק יומי עטליכע קורצע מינוט מיט שכל און חיזוק פאר'ן טאג.

* אויך איז דא דא אן אפטיילונג אנצוקומען שנעל צו די נייעסטע שיעורים.

* א פרישע חידוש איז דארט געווארן צוגעלייגט, מיט'ן נאמען "היינטיגע שיעורי תורה", ווי מען קען הערן יעדן טאג די היינטיגע שיעורים, צו לערנען אדער צו מיטצוזאגן, דער בלאט בבלי, ירושלמי און א פרק תוספתא, צוויי פרקים נ"ך פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א וואס איז ממש מחי' נפשות.

* אזוי אויך געפונט זיך אין דעם קעסטל דער אפטיילונג פון "עניני דיומא", א זאמלונג פון אלעס וואס געפונט זיך אויפ'ן ליין, אויסגעשטעלט לויט'ן סדר פון מועדי וזמני השנה.

2 - שיעורי התחזקות

* דא געפונט זיך דער אפטיילונג פון שיעורי התחזקות, אריינגערעכנט אלע שיעורי התחזקות, טעגליכע שיעורים, וועכנטליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס ווי באקאנט האבן זיי דעם כח צו נעמען סיי וועלכן איד, אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר, און אים ברענגען נענטער צום אייבערשטן און צו די הייליגע תורה.

* אויך קען מען דארט הערן שיינע חיזוק שטיקלעך ארויסגעשניטן פון די גמרא שיעורים, מיט נאך פילע שיעורי התחזקות אין אנדערע געלעגענהייטן.

3 - שיעורי תורה

* דא קען מען טרעפן א גאר רייכער אויסוואל פון שיעורים אין פילע חלקים פון די הייליגע תורה, פארגעלערנט בטוב טעם ודעת מיט געשמאק, נישט צו לאנג און נישט צו טיף, אויף גאר א באַטעמ'טע פארנעם, אז יעדער זאל קענען שפירן די זיסקייט פון די הייליגע תורה. פילע אידן האבן זיך

<<<<

אויסגעדרוקט אז זיי האבן אלץ געמיינט אז זיי וועלן שוין קיינמאל נישט פארשטיין א שטיקל גמרא, ביז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די זיסע געשמאקע שיעורים ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר א בלאט גמרא אזוי שיין און לייכט.

* אויך געפונט זיך דא דער אפטיילונג "שיעורים מיטצוזאגן" גאר א גרויסער אויסוואל פון שיעורי תורה צו קענען מיטזאגן זייענדיג אונטערוועגס, גמרא בבלי, ירושלמי, תוספתא, משניות, חומש, שלחן ערוך, און נאך, פון וואס פילע אידן זענען גאר שטארק נהנה, אויך קען מען מיטזאגן גאנץ תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך און נאך.

4 - שמועסן און פארברענגען

* דא קען מען הערן די הונדערטער גאר שיינע רייכע אינטערוויוס און שמועסן אהערגעשטעלט דורך מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו.

* אזוי אויך געפונט זיך דא דער נייער מוצאי שבת פראגראם מיט'ן נאמען "חמין במוצאי שבת", שמועסן צווישן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו און מו"ה יענקי פיש הי"ו.

* שיינע מעשיות פון די צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט די וואך דורך מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו

* שמועסן איבער באזוכן אין טורמע, יעדע וואך נייע חידושים און אינטערוויוס.

* די אפטיילונג "לעובדא ולמעשה" דורך מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו וואס גייט איבער וואס עס איז געווען יעדע וואך אין די בתי מדרשים און מוסדות היכל הקודש איבער די גארער וועלט, יעדע וואך מיט פרישע געסט וואס איז גאר אינטערעסאנט.

* דער ליל שישי פראגראם "א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער", מיט די צווי ברידער מו"ה יואל און מו"ה אברהם הערש וועבערמאן שיחיו, וואס שמועסן איבער די נייעס פון די וואך, וועלטליכע נייעס, אידישע נייעס, היכל הקודש נייעס, און שטעטל נייעס, מיט פילע אינהאלטסרייכע אינטערוויוס יעדע וואך, פון וואס די צוהערערער זענען זיך מחי'.

* אויך קען מען הערן "פערזענליכע מעשיות", ווי מענטשן דערציילן זייערע אייגענע איבערלעבענישן ווי אזוי זיי זענען געהאלפן געווארן דורך תפלה, דורך בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווי אויך פערזענליכע מעשיות פון הפצה, און נאך פילע גאר אינטערעסאנטע שמועסן און פארברענגען.

5 - קינדער ווינקל

* הערליכע שיינע מעשיות דערציילט פאר קינדער דורך חשובע מלמדים, אויך די "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" דערציילט פאר קינדער דורך דעם ראש ישיבה שליט"א, פערזענליכע מעשיות פון תפלה פון קינדער, און נאך.

6 היכל נגינה

* דא קען מען טרעפן א רייכע זאמלונג פון ניגונים, שטייטע און שנעלע, קורצע און לאנגע, וואס וועקן דאס הארץ צום אייבערשטן און לעבן אויף דעם מענטש מיט אמונה און די עצות פון הייליגן רבי'ן.

עס איז כדאי אויסצוהערן אויף נומער 9 און דערנאך 2, די אלע באקוועמליכקייטן און אפציעס מיט וואס מען קען זיך באנוצן בשעת'ן הערן דעם ליין, בפרט ווי זאכן האבן זיך געטוישט פונעם אלטן סיסטעם.

הערט און האט הנאה!

**לאנדאן**

## חבורת היכל הקודש אין לאנדאן



אין שטאט לאנדאן איז דא א הערליכע שיינע חבורה היכל הקודש, ביזדערווייל האט מען טאקע נאכנישט קיין שול פאר שבת, אבער מ'גרייט זיך שוין אט אט צו עפענען א בית המדרש היכל הקודש, די אינגעלייט קומען זיך צאם ווען מען קען נאר, ווי למשל ליל שישי קומט מען הערן א שיעור פונעם ראש ישיבה, זיך אנצוזעטיגן מיט חיזוק.

אנשטאט זיך צאמצוקומען שבת, פרובירט מען זיך צאמצוקומען צו פראווען מלוה מלכה, די ערשטע מאל איז טאקע געווען די וואך פרשת וישב, מען איז זיך צאמגעקומען

<<<<

ביי האברך שמחה בלאק הי"ו אינדערהיים, ווי מען האט געשמאק פארברענגט בשבת אחים גם, מען האט זיך זייער שיין מחזק געווען צוזאמען זיך צו האלטן פריש מיט די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, די עצות קען מען ניצן איבעראל וואו מען וואוינט אין די גאנצע וועלט, אפילו מען וואוינט נישט הארט נעבן דער ראש ישיבה.

**קרית ברסלב**

## מעשה'לעך פאר קינדער ארויסגעקומען לכבוד חנוכה אין א קאלארינג ביכל ווערסיע




זינט עס איז ערשינען דער ערשטער ביכל פון די סעריע פון מעשיות פאר קינדער, הערט מען גאר אסאך גוטע גריסן פון אלע וואס האבן עס נאר געמומען אין די האנט. בפרט הערט מען צוריק פון די מפיצים אז זינט דער ביכל איז ארויסגעקומען איז דאס פון די בעסט גייענדע זאכן. אידן פארציילן ווי געשמאק עס איז צו נעמען דעם ביכל אין די האנט און עס פארציילן פאר די קינדער, וואס דער ביכל איז געשריבן אין א גאר געשמאקע שפראך, וואס העלפט די קינדער זאלן פארשטיין די מעשיות, בפרט לערנט עס אויס די קינדער אמונה, תמימות, חסד, אהבת ה' און יראת ה'.

יעצט קומט די נייעס פון די דרוקערס, אז אויף די פארלאנג פון פילע, האט מען יעצט איבערגעארבעט דעם ביכל אין א פרישע ווערסיע דאס מאל אלס א "קאלערינג ביכל". קינדער האבן געוועונטליך שטארק ליב צו פארבן און קאלירן, און יעצט וועט מען זיי קענען געבן דעם ביכל מיט די בילדער פון די מעשיות וואס זיי קענען שוין אזוי גוט ביז יעצט, וואס די מעשיות דערמאנען זיי פון בעטן דעם אייבערשטן, גוטע מידות, און יראת שמים, און אויף דעם ביכל וועלן זיי זיצן און פארברענגען די צייט פון שפילן מיט יראת שמים.

דער ביכל אנטהאלט די בילדער פון די צוואנציג מעשיות וואס א טייל פון דעם איז שוין געווען געדריקט אינעם ערשטן מעשה'לעך בוך, און צו דעם האט מען צוגעלייגט נאך צען מעשיות וואס איז נאכנישט געווען געדרוקט אין א בוך.

אויסער דעם וואס די מדפיסים זענען פארנומען אנצוגרייטן דער צווייטער ביכל אין די סעריע מיט נאך צען שיינע מעשיות, האט מען שוין ברוך השם געענדיגט מאכן דעם ערשטן ביכל אינעם "קאלעריג ביכל" ווערסיע, וואס איז געדרוקט אויף ספעציעלע פאפיר וואס איז געמאכט צו פארנעמען קרעיאנס און מארקערס, אויף גרויסע פאפיר, און וועט שוין בעזרת השם זיין צו באקומען די וואך שבת חנוכה.

די גאנצע ארבעט ווערט דורכגעפירט מיט די כסדר'דיגע הדרכה און איבערזיכט פון ראש ישיבה שליט"א דורך די געטרייע און איבערגעגעבענע "מכון עצתו אמונה" וואס האט אריינגעלייגט טעג און וואכן אז עס זאל מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א הערליכע געלונגענע ביכל. מען האט אויפגענומען גאר ערפארענע דרוקערס, מעלערס און גראפיקער, וואס האבן ברוך השם אהערגעשטעלט א מייסטערהאפטיגע ארבעט צו די צופרידענהייט פון אלע וואס וועלן דאס נעמען אין די האנט.

מען שטעלט זיך נישט אפ ביי דעם, מען ארבעט איבערמידלעך ארויסצוגעבן נאך און נאך שיינע זאכן פאר די קינדער, כדי זיי אנצופילן מיט תורה ויראת שמים אויף די גאנצע לעבן. דער ראש ישיבה לייגט א שטארקע דגוש עס זאל זיין שיינע רייכע זאכן פאר די קינדער צו ליינען און פארברענגען, אויף א כשר'ע אויסגעהאלטענע וועג, וואס וועט אריינלייגן אינעם קינד די ריינע אמונה, און אים אויסלערנען אז וואס ער דארף קען ער בעטן פונעם אייבערשטן, ווען ער וויל און וואס ער וויל.

**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון!**

# DELICIOUS FISH
320 Twin Bridge Rd Ferndale NY 12734

## שכח אייבערשטער

**מיר טוען זיך אנטשולדיגען אויף די פאדריסליכע טעות וואס איז אריינגעפאלן אינעם עד פארגאנגענעם וואך.**

**אין די צייט ווילן מיר מעלדן אז מיר זענען גרייט פאר אייך מיט א געשמאקע אויסוואל פון פיש לכבוד שבת קודש און פאר אלע אייערע שמחות און אווענטס.**

**עס לוינט זיך א טריפ פון איבעראל.**
**בהשגחת דומ״ץ דקהילתינו**

**אפען מיטוואך און דאנערשטאג 5-2, פרייטאג 1-10**

**איר קענט אריינרופן פאר אייער ארדער א גאנצע וואך און מיר וועלן עס דעליווערן צו אייער טיר.**

**אייער פריינד**

**יצחק אהרן וויינבערג**

**845-747-0093**

# ברסלב'ע מתנות



ישראל דוד העסקעל

אין די יעצטיגע פרייליכע טעג פון חנוכה, אין די צייט ווען כלל ישראל לויבט און דאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים, איז געווארן איינגעפירט א נייע מנהג (ביי די נארמאלע מענטשן שטייצעך...) וואס רופט זיך 'חנוכה מתנות'!

איך בין זיכער אז די ליינער פון די שורות האבן שוין פון דעם געהערט, און לכאורה שוין אויך געווען ביי אזא מעמד חלוקת חנוכה פרעזענט"ס. דאס איז געווארן א חוק ולא יעבור, א מנהג ישראל כמעט אזוי פארהייליגט ווי די גרויסע מנהג ישראל ומסורה מקובל מאבותינו פון שיקן חתונה בריוולעך מיט ריטורן קארדס... אויף די מנהגים טאר מען חלילה נישט פרעגן קיין קשיות, אזוי האט מען זיך געפירט - ווער? יעדער! אה יעדער איינער טוט עס!

איך וואלט זיך בעצם יעצט געקענט נעמען צו די נושא פון חנוכה מתנות און עס גוט צונעמען און צופיצלען און מאכן פיינע מטעמים פון וואו די מקור קומט, און ווער איז דער יעדער איינער וואס דו מאכסט נאך, און צו איז עס בכלל אויסגעהאלטן... וכו', איך וואלט עס גוט געקענט צושטיקלען און מאכן פון דעם גוטע פיינע ליצנות, אבער נישט פארדעם בין איך דא יעצט...

דער ראש ישיבה זאגט אלס, אז מוהרא"ש האט נישט ליב געהאט דאס וואס מ'גייט צוזאמען ארויס מאכן התבודדות אין וואלד, און מ'פארמעסט זיך ווער עס קען העכער שרייען... ווייל ס'דארף זיין מיט אן אמת (מ'ברויך זיך דאך אויפפירן ווי א נארמאלער מענטש...) נאר וואס דען, ס'וויל זיך פארט שרייען אסאך מאל, איז ווען מ'קומט אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון און דארט טוט זיך שוין סיי ווי א שרייערי, כאפ דיך מיט, געב זיך אויך א קוויטשע אויס דיין הארץ פארן באשעפער.



האב איך געטראכט, אז אויב איז שוין סיי ווי דא א רוח פון חנוכה מתנות אין די גאס, אז יעדער שפילצייג געשעפט שפירט פאר וויכטיג ארויסצוגעבן א קאטאלאג אזוי גרויס ווי מגילת אסתר אויף די אויסטערלישע מציאות לכבוד חנוכה... און די גאנצע לופט לויפט שוין מילא אהין, קען איך זיך שוין מיטכאפן און זען וועלכע מתנות איך האב ביי מיר אין באזיץ.

אויב וועל איך אנהייבן באשרייבן אלע מתנות וואס מ'באקומט פון רבי'ן אין היכל הקודש וועל איך קיינמאל נישט פארטיגען... די דרך הלימוד, תפילה והתבודדות, שלום בית, שמחת החיים, עצות, הדרכה, חיזוק, וכו' וכו' איך קען אויף יעדעס איינע שרייבן און שרייבן א גאנצע ספר און קיינמאל נישט ענדיגן... אבער פטור בלא כלום אי אפשר (חנוכה מתנות איז דאך שוין א "מנהג ישראל"), האב איך זיך מצמצם געווען אויף געוויסע שיינע אינטערעסאנטע זאכן וואס איך האב לעצטנס געשפירט אז איך האב באקומען אין היכל הקודש.

צוויי וואכן צוריק בין איך געווען אויפן טעלעפאן מיט ר' אברהם הערש וועבערמאן נ"י דער עורך פונעם בלעטל, ער איז מיר שיינערהייט מסביר אז יענע שטיקל וואס איך האב געשריבן איז אמת'דיג



גוט, זייער שטארק און פעסטע ליצנות... אבער איך האף דו וועסט נישט ברוגז זיין דאס קען נישט אריינגיין... ס'קען חלילה איינעם ווי טון אפילו בלא מתכוון, מ'דארף זייער זייער שטארק אכטונג געבן אויף דעם.

**אגב, געבט ער א פרעג, וואס קייעסטו דארט מיט אזא אפעטיט?**

העי, גארנישט אביסל פאפיטעס... איך וועל דיר זאגן וואס, אמאל פלעג איך קענען קנאקן און נאשן סיי ווען, אבער זינט איך בין מקורב געווארן אין היכל הקודש, האב איך מער נישט קיין ליידיגע מינוטן... און אינמיטן לערנען קען מען דאך שוין אויך נישט קייען, ווייל מען דארף ארויסזאגן די ווערטער וואס מען לערנט, איז די איינציגסטער צייט וואס איך קען נאשן אביסל איז ביים שרייבן!

**הא הא איך הער, אפשר לייג עס אריין אין אן ארטיקל...**

אקעי, טראכט איך צו מיר, נישט קיין שלעכטע געדאנק בכלל...

יא, דאס איז איינע פון די גרעסטע מתנות וואס איך האב נאר אמאל באקומען אין מיין לעבן, **די מתנה פון צייט!**

זייט איך בין אנגעקומען אין היכל הקודש האט מיר אנגעהויבן טוהן יעדע מינוט וואס גייט לאיבוד און ווערט נישט אויסגענוצט ווי ס'דארף צו זיין, איך קען דאך יעצט אריינכאפן נאך א משנה, נאך א בלאט גמרא, נאך א ווארט צום אייבערשטן, נאך אפאר מינוט פארברענגען מיט מיינע קינדערלעך, וויפיל שעות אויף שעות פלעג איך אמאל פארברענגען?! נישט אויף שלעכטע זאכן דווקא, אפילו נאר סתם זיצן און קייען שטרוי ביי קופקעס, מאלן וואסער אין קאווע צימער, שעות האבן געקענט פארבייגיין אן איך זאל בכלל כאפן... איך ציטער צו טראכטן, אבער ווען נישט היכל הקודש וואלט אפשר מיין גאנצע לעבן געקענט אזוי דורכשמייסן אן אויסצונוצן די טייערע מינוטן וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען.

איך דאנק און איך לויב דעם אייבערשטן אויף די גרויסע מתנה אז איך האב א ראש ישיבה וואס איז מיר מעורר אויף די גרויסקייט פון א מינוט! די חשיבות פון ארויסרעדן א דיבור צום אייבערשטן ווען מ'קען נאר, אריינכאפן נאך א משנה און נאך א פרק, איך האב אנגעהויבן נוצן די צייט אנשטאט ברענען די צייט, א מחי'!

די צווייטע מתנה וואס האט מיך מורא'דיג אויפגעלעבט איז **"שכל"**.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אמאל ביי איינע פון די שיעורים, אז איינער האט אים געפרעגט וואס זענען די תקנות אין די נייע ברסלב'ער שטעטל? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביי אונז איז נישט דא קיין תקנות... איין תקנה איז דא, נוץ דיין שכל! און דאס האלט מען אין איין אריינלייגן אין אונז, דו האסט שכל? נוץ עס!

דער רבי געבט אונז שכל ווי אזוי זיך צו פירן, מוהרא"ש זצ"ל האט עס אראפגעברענגט פאר אונז פשוטע מענטשן צו קענען אויך האבן די שכל פונעם רבי'ן, די לעכטיגע זיסע עצות, ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען אנכאפן אז דאס איז נאר פאר געוויסע מענטשן, אבער ווער ס'שפירט די גוטע טעם און שטעלט זיך אפ טראכן עטליכע מאל א טאג וואס וואלט דער ראש ישיבה געטון? וואס וואלט געשטאנען אין אשר בנחל אויף אזא מחשבה? צענדליגע מאל א טאג וויל זיך עפעס טון אדער נאר זאגן פאר איינעם... און מ'כאפט זיך, ניין, נוץ דיין שכל, טו דאס נישט, האלט דיך איין פון זאגן... אפילו דו ביזט הונדערט און איין פראצענט גערעכט... האט דיין ווייב געזאגט... האט דיין טאטע פארלאנגט... וואס איז אז דיין שוויגער האט... און אויב האסטו שוין צוויי הונדערט מאל געזאגט די זעלבע זאך... און יעדע מאל פונקט אזוי... איז וואס?

מ'קען זיך עטליכע מאל א טאג כאפן און אויפלעבן פון די לעכטיגע שכל און עצות וואס דער ראש ישיבה האלט אין איין איבערחזר'ן פאר אונז און לייגט עס אריין אין אונז מיר זאלן קענען לעבן מיט דעם, א מחי'!

נאך גאר א שיינע מתנה וואס היכל הקודש פארמאגט **איז די הארץ פאר א חבר**, די אחדות וואס איז דא צווישן אנשי שלומינו.

יעדער וויל זיך העלפן איינער דעם צווייטן וואו מ'קען און אויף יעדער אופן, מ'קוקט נישט אויף גארנישט, באמת איז דאס עפעס וואס יעדער פלאץ און יעדער קהילה וויל האבן און פרובירט איינצופירן מיט אסאך סארט מיטלען און עסקנים, גאנצע אפיסעס זענען אוועקגעשטעלט אויף דעם... אבער ביי א פלאץ פון א צדיק איז עס גאר אנדערש, ס'לעבט זיך פון זיך אליין!

איך געדענק ווען איך האב מיך געצויגן קיין לאנדאן, האב איך זיך פאר א שטיק צייט געדרייט אין א געוויסע חבורה. יענע תקופה בין איך אדורך ביטערע שווערע נסיונות אין מיין מצב פרנסה וד"ל, האב איך באמערקט אז אין די פלאץ איז אויך דא אזא מאוומענט אויף דעם, איך געדענק נישט פונקטלעך די נאמען אבער בערך: מפעל עזר לפרנסה.... ערבים זה לזה... היימישע שטיצן נאר היימישע... אנשים אחים אנחנו... וכו'

האב איך זיך געוואנדן צו די עסקנים דארט, און איך האב זיך ממש אויסגעוויינט פאר זיי אויף מיין מצב פרנסה... איך האב זיי געבעטן אז אזוי ווי איך בין א גרעפיק דיזיינער און איך בין זייער גערדרוקט, איך האב מיך יעצט געצויגן צו א נייע מדינה איך





קען נאך קיינעם נישט דא, אויב מען קען מיך אנהייבן נוצן (פאר חצי חנם...) און אויב אפשר איז דא אנדערע אידן פון די קהילה וואס וואלטן מיך געקענט נוצן פאר זייערע ביזנעסער וכו' איך זאל זיך קענען שטעלן אביסל אויף די פוס.

מיט גאר א מיטפילנדע געזיכט זאגט מיר דער אידל: "דו מוזט פארשטיין..... ס'נישט אזוי פשוט.... ס'גייט נישט פון איין מינוט צום צווייטן.... זאכן פארן שוין... מ'וועט טראכטן... אפשר גייט מען דיך קאלן..."

ברוך השם דער רבונו של עולם האט מיר געהאלפן און איך האב זיך גוט אוועקגעשטעלט אויף די פוס בסייעתא דשמיא אן אלע עסקנים און מפעלים און שיינע נעמען... טיטלען אן מיטלען... סוף כל סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז די שליסל פון פרנסה ליגט ביים רבונו של עולם, נישט אין א לעדל אין די אפיס פון מפעל...

אבער ווען איך בין אנגעקומען אין היכל הקודש איז געשען אן אינטערעסאנטע זאך, אן קיין ספעציעלע אפיסעס וואס זאלן זיך ספראווען מיט עזר לפרנסה... אן א ספעציעלע טעלעפאן נומער געאייגנט "ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו"... האב איך אנגעהויבן באקומען דשאבס פון אלע זייטן פון תלמידי היכל הקודש! איך האב געשטוינט! איך וואוין אין א פרעמדע מדינה, איך האב כמעט נישט קיין פערזענליכע שייכות מיט די וואס שיקן מיר די דשאבס, אבער זיי ווילן שטיצן "א היימישער"! עכטע עכטע אחדות. איך שפיר זיך אזוי נאענט מיט אלע אנדערע מקורבים כאילו מיר זענען אלע ברידער, אזא מתנה צו באקומען!!!

נאך א גאר שטארקע מתנה וואס היכל הקודש געבט פאר א מענטש, און איך האב בעצם שוין צוויי מאל געשריבן וועגן דעם, איז **די מתנה פון לעבן מיט וואס מ'לערנט אונז!**

די מעשיות און הנהגות פון צדיקים איז נישט עפעס א ווייטע זאך וואס מ'זאגט נאר נאך... נאר דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס צו לעבן מיט דעם. הערסט א מעשה פון א צדיק, וואס נעמסטו ארויס פון דעם פאר דיר? א גוט ווארט אויף די פרשה איז א ווארט וואס מאנט עפעס פון מיך אין מיין מצב און געבט מיר חיזוק אין מיין בהלה'דיגע לעבן.

דאס איז עפעס מורא'דיג ספעציעל פאר מיר, אלץ האב איך געשטרעבט אז איך זאל אויך קענען טון און איך זאל אויך קענען זיין... וואס האב איך פון דעם אז אמאליגע אידן פלעגן... וואס איז מיט מיר? וואס וועט זיין מיט מיין נשמה? אזוי פיל דרשות התעוררות פלעג איך אלץ צוזאמהערן און איך פלעג ווערן דעפרעסט פון דעם, וואס איז מיט מיך? איך וויל אויך... איך בין ממש געווען אין א מצב יאוש פאר היכל הקודש אז איך זאל אויך קענען פילן א טעם אין שבת, א טעם אין א בלאט גמרא, אז איך זאל אויך קענען האבן מיין אייגענע מסירת נפש מעשיות... ניין היינטיגע צייטן דארף מען נישט האקן קיין אייז פאר א מקוה, מיר האבן א פיינע ווארימע מקוה... און מיר דארפן נישט לערנען תורה אין א הייל מיט א דריידל באהאלטענהייט... מיר האבן גרויסע שיינע פעסטע תלמוד תורה'ס און מיר באקומען גאר פראגרעמס פון די גאווערמענט... אבער היינט האבן מיר יא נסיונות פון היינט, און מיר קענען אויך אוועקרייסן שטיקער פון זיך פאר'ן אייבערשטן מיט אונזערע נסיונות פון אונזערע דור, און מיר קענען אויך זוכה זיין צו די תמימות ופשיטות און מסירות נפש פון די אמאליגע אידן... מיר קענען פון יעדע מנהג, מעשה, און ווארט, ארויסנעמען אן הנהגה אויף זיך, וואס מאנט דאס פון מיר? וואס קען איך טון אין מיין מצב צו ווערן נאנטער צום אייבערשטן, אויף דעם אליינס דאנק איך און לויב דעם אייבערשטן יעדער איינציגע טאג, אשרינו!

נאך א מורא'דיגע אינטערעסאנטע מתנה וואס איך האב באקומען, איז **די מתנה פון נישט ענטפערן און נישט טענה'ן!** און איך וועל מודה זיין, ס'איז געווען פון די שווערסטע זאכן פאר מיר ווען איך מקורב געווארן. טאקע, איך האב מיר אסאך מאל נישט געקענט איינהאלטן, איך האב געהאט אזעלכע גוטע ווערטער צוריק צו ענטפערן... אבער נאכן הערן נאך א שמועס און נאך א שיעור פון דער ראש ישיבה, און חיזוק אויף דער ענין עטליכע מאל, איז עס צוביסלעך אריין אין מיר, און אפילו איך האב אסאך מאל אזעלכע גוטע ווערטער צוריק צו ענטפערן און שטעלן יענעם אין פלאץ... דאך האלט איך מיר דאס מויל, איך ווייז א קליינע שמייכל און איך לאז דער גרויסער חכם המחוכם וואס ווייסט אלעמאל אלעס און איז א גרויסע בקי וויסן קלאר פון וועמען מ'האט יא געהאלטן און נישט געהאלטן און וואס איז טאקע אזוי און וועלכע זאך ס'איז נאר יענעמס חידוש און ער דרייט אהין און אהער, און איך קען שווייגן!

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיט גרויס סייעתא דשמיא בין איך אויך זוכה צו נהנה זיין פון דער מתנה.

איך האב געהאט אן אינטערעסאנטע עפיזאד וואס איך שפיר וואלט זיך געלוינט מיט צו טיילן מיט די לייענער. ממש אין די ערשטע פאר וואכן וואס איך בין מקורב געווארן האט איינער מיר געוואלט טשעפען, פארוואס? ווייל איך בין געווארן מקורב צו א צדיק, האט ער אריינגעלייגט דעם ספר "משיבת נפש" אין מיין טלית בייטל ביי שחרית. ווען איך האב עס געזען איז מיר די בלוט ארויף אין קאפ, שוין ווייטער... וואס וויל דער פון מיר? איך בין שוין געווען גרייט צו נעמען יענעם און.... וכו'.
אבער שנעל כאפ איך א טיפע אטעם...
וואס לערנט מיר דער ראש ישיבה?
בארואיג דיך, ס'גארנישט געשען, ענטפער נישט, טו נישט, שלינג! אז איך האב זיך בארואיגט און מיין קאפ איז שוין אין א מצב אז איך קען שוין טראכטן גראד... איך שטיי דא פארן דאווענען, דא ליגט א ברסלב'ער ספר פארנט פון מיר, טראכט איך צו מיר זיי נישט קיין בטלן, קוק אריין! איך






האב געעפנט דעם ספר די ערשטע מאל דעמאלט, און ס'איז מיר לעכטיג געווארן, אזוי פיל חיזוק, אזעלכע אורות, איך האב אריינגעכאפט נאך א שורה און נאך א שורה איך האב עס געשלינגען מיט דארשט, ס'האט מיר ממש געזעטיגט! זייט דעמאלט בין איך געווארן ממש צוגעבונדן צו דעם ספר, און זינט דאן האב איך יעדן טאג א שיעור אין ספר משיבת נפש! **א דאפלטע מתנה!**

די לעצטע מתנה וואס איך וויל דא אויסרעכענען, וואס איז ממש פון די יסודות אין היכל הקודש, איז די **שיחות חברים**, אבער דאס איז א מתנה וואס ווערט א נייע מתנה מיט יעדער שמועס!

איך בין שוין ביי אזוי פיל קופקעס געשטאנען, אזוי פיל שעות פארברענגט מיט מענטשן אין מיין לעבן, אבער גארנישט קומט נישט צו, צו איין אגב'דיגע שנעלע פאר ווערטער פון א שמועס מיט א תלמיד היכל הקודש!

פיל מיט פנימיות! ס'לעבט זיך, מ'רעדט פונעם אייבערשטן אפילו ווען מ'האט די פשוטסטע פראסטע שמועס, דער אייבערשטער גייט העלפן, בעט דעם אייבערשטן, אלעס דרייט זיך ארום דער איינער וואס פירט אונזער וועלטל, אונזער טאטע וואס האט אונז ליב! דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט: "אויב ווילסטו א סימן אויף א תלמיד היכל הקודש, הער אויב ער דערמאנט דעם באשעפער אין זיינע שמועסן."

יעדער שמועס איז אנגעזאפט מיט חיזוק, מיט דיבורים פון צדיקים, מיט אמונה, מיט נאך א גוט ווארט און נאך א גוט ווארט! נישט בחנם זענען אנשי שלומינו תלמידי היכל די פריילעכסטע מענטשן וואס איך האב נאר אמאל באגעגנט...

לעצטע וואך האב איך געהאט די גרויסע כבוד צו האבן א שטיקעל שמועס אויפן טעלעפאן מיט ר' משה ארי שניצלער הי"ו, וואס האט מיר געקלינגען מיט די איין מטרה פון מיר מחזק זיין! אונז קענען זיך קוים... ער איז א היפשע פאר יאר עלטער פון מיר, אונז וואוינען טויזנטער מייל אפגעריקט, דאך פילט ער וויכטיג מיר צו קלינגען און מחזק זיין און געבן נאך א שטופ, נאך התחזקות און נאך התחזקות, אזעלכע געשמאקע דיבורים דאס האט אין מיר אריינגעבלאזן אזעלכע חיזוק אז ס'האלט נאך אן ביז יעצט.

איינער פון די שטארקע זאכן וואס ר' משה ארי' האט מיר דעמאלט געזאגט אזוי מסיח לפי תומו אבער ס'האט זיך געגעבן אזא קריך אריין מיר... איז, אז זאלסט וויסן, ווער עס זעט די ברסלב'ער קרוין טוט תשובה!!!

וואו נאך אין די וועלט איז דא אזעלכע שיחות חברים?

ווען איך בין די ערשטע מאל געקומען צו די לאנדאנער חבורה, איז עס געווען די ערשטע מאל וואס איך האב זיך געטראפן מיט אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש, איך הייב נישט אן צו געדענקען וואס מ'האט דעמאלט גערעדט... אבער איך געדענק די פילינג וואס איך האב דעמאלט געהאט, מיר פעלט נישט קיין חברים ברוך השם... און דא טרעף איך זיך אריינשפאצירן ביי איינעם אינדערהיים וואס איך קען נישט, זיצן ארום א טיש מיט "פרעמדע" מענטשן... אבער איך האב אזוי געדורשט צו קומען נאענטער צו היכל הקודש, אז איך האב אויף גארנישט געקוקט, איך בין אריין מיט פארמאכטע אויגן און קיין ערווארטונגען, איך זעץ מיר אוועק, איך האב נישט געוואוסט פון וועלכע פלאנעט איך בין אראפגעפאלן... א קארטאון ארטיסט וואלט דא געמאלן סירקלס מיט שטערנס ארום מיין קאפ... אבער ביז צוואנציג סעקונדעס האב איך געשפירט ווי איך זיין מיט מענטשן וואס איך קען שוין צוואנציג יאר! מ'האט גערעדט דארט אזעלכע שיינע דיבורי התחזקות, אזוי אפן, אזוי ווארעם, איך בין אריין הונגעריג און ארויס זאט!

איך וויל צוענדיגן מיט א שטארקע טיפע ווארט וואס איך האב געהערט פונעם מנהל הרב אברהם משה שליט"א, אמאל ווען איך האב געהאט מיט אים א שמועס האט ער מיר געזאגט בתוך הדברים: "מען דארף בלייבן פריש מען טאר זיך נישט צוגעוואוינען, עס איז סכנת נפשות! א קאלטער מקורב איז ערגער ווי א משומד רח"ל!"

די גרויסע מתנה פון שיחות חברים איז אזוי שטארק, אז אן די שיחות חברים איז לכאורה נישט מעגליך זיך האלטן שטארק און בלייבן מקורב צו א צדיק וואס די סמ"ך מ"ם פירט אזא מלחמה קעגן אים יעדן טאג מיט פרישע מניעות און בולבולים.

יעצט אין די טעג פון הלל והודאה, וויל איך מקיים זיין בתוך רבים אהללנו מיט די ערליכסטע שופר וואס איך האב (די קרית ברסלב בלעטל), און אויסשרייען מיט די העכסטע טענער - **שכוח אייבערשטער! שכח אייבערשטער פאר מיך אריינפירן צו אזא הייליגע ריינע פלאץ, שכח אייבערשטער פאר די ניסים וואס דו האסט מיט מיר געטון אז איך קען זוכה זיין צו זיין א חלק אין דער הייליגער קהילה!!!**

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# מעשיות פון תפילה



## אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו זיין ראש השנה ביים רבי'ן, אה... ווען מ'טראכט נאר צוריק ווערט שוין גוט אויפן הארץ. איך האב געהאט גאר א שיינע מעשה פון תפילה וואס איך וואלט געוואלט מיטטיילן פאר די חשובע לייגער.

אויפן וועג צוריק אויפן אלעמען באקאנטן באן וואס די בארימטע 'פלען איט רייט' פירמע האט צוגעשטעלט, אויף מיין זיץ האב איך איבערגעלאזט מיינע ברילן, אבער ס'איז נישט געווען געפערליך ווייל איך האב געהאט לענזעס, האט מען אראפגעשלינגען דעם פארלוסט.

שפעטער ווען מיר זענען אנגעקומען אינעם האטעל אין ריישא איז פארלוירן געגאנגען איין לענס פון מיין אויג, פארשטייט זיך אליין אז לענסעס קען מען נישט טרעפן איינמאל ס'פאלט אראפ, און ס'האט מיך אנגעהויבן זייער שטארק צו באדערן, יעצט האב איך נישט קיין גלעזער און נישט קיין לענסעס, איך האב ממש געפילט ווי א שתום עין, שטעלט אייך פאר אינמיטן אזא לאנגע נסיעה דארפט איר צומאכן איין אויג... ס'ארבעט נישט אזוי, און קויפן לענסעס איז דאך ווייטער נישט שייך, גיי קויף לענסעס אימיטן מדבר ריישא... בקיצור, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען געהעריג זעהן אויף ביידע אויגן.

מה עשה הקדוש ברוך הוא, איך האב געשריבן אויף איינע פון די טעקסט גרופס ווער ס'האט פונקט אן עקסטערע פאר לענסעס זאל מיך לאזן וויסן, ווער ווייסט, אפשר וועט איינער האבן די זעלבע נומער ווי מיר...

אפאר מינוט דערויף קומט צו מיר א אינגערמאן, ר' הערשל כ"ץ הי"ו, און ער געבט מיר איין לענס, און ס'איז געווען ממש די זעלבע נומבער ווי איך האב געדארפט!

## אלחנן זויבערמאן ירושלים - וויליאמסבורג:

א) איך האב זייער שטארק געוואלט פארן קיין אמעריקע, און איך האב געהאט אסאך מניעות, למעשה האב איך ברוך השם געמאכט א טיקעט קיין אמעריקע.

מיין פלייט האט געזאלט ארויספארן 12:30, האב איך געוואלט זיין אין עירפארט שוין 10:00, למעשה האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז איך האב מיך געטראפן אין עירפארט ערשט 11:10, איך האב מורא געהאט אז אפשר גיי איך פארפאסן די פליגער, אזוי בשעת זיך יאגן אין עירפארט אריין שעפשע איך א תפילה: "הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען כאפן מיין פליגער באצייטנס", שכח אייבערשטער, 11:35 בין איך שוין געזיצן ביים געיט מיט א משניות און געווארט רואיג ארויפצוגיין אויפן פליגער...

ב) איך רעד נישט די ענגלישע שפראך, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל מיך קענען אן עצה געבן מיט די סעקיוריטי, אלעס זאל אריבערגיין על צד יותר טוב, און ברוך השם אלעס איז אריבער א מחי'.

ג) אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א וועג פון עירפארט, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן א געשמאקע וועג.

## ישראל דוד העסקל - לאנדאן:

מ'האט אפגעהאקט די וואסער אויף מיין גאס, און די וואסער קאמפאני האט געזאגט אז ס'גייט הערעשט זיין וואסער שפעט ביינאכט, אבער מיין ווייב האט געוואלט באדן די קינדער, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן צוזאמען מיט מיינע קינדער אז ס'זאל קומען וואסער זיי זאלן זיך קענען באדן, און אזוי ווי מיר האבן געענדיגט בעטן דעם אייבערשטן איז געקומען וואסער נאר ביי די וואנע, פונקט גענוג צו קענען באדן די קינדער.

שכח אייבערשטער!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, נֵר א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

וואויל אִיז דִיר און וואויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ שְׁטֶעלְסְט צוּ פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת.

**הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה**, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען אַרַיין גֶעסְט אַז זֵייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל, דָאס אִיז חוּץ פוּן דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַּאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבֶּער און הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ עֶסְן. עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס עֶסְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַ סֶענְדְוִויטְשׁ, און הָאבְּן נִישְׁט קַיין פֵיינֶע וַוארֶעמֶע מָאלְצַייט פַאר נַאכְטְמָאל, וִוי פְלֵייש וְכוּ'.

אָבֶּער חוּץ פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַּאר דִי גוּפִים הָאבְּן זֵיי אַ זְכוּת אִין זֵייעֶר רוּחָנִיּוּת. וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ, זֵיי קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער וואוּ זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעזֶען וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ לֹא עָלֵינוּ, דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ פַאלְשֶׁע בְּלִיק אוֹיף "אִידִישְׁקֵייט", כְּאִילוּ "אִידִישְׁקֵייט" אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ.

זֵייעֶר אַסַאךְ פוּנֶעם יוּגְנְט לָאזְן אָפּ אִידִישְׁקֵייט נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן אִין קָאפּ **דֶעם פַאלְשֶׁער אִימֶעדְזְשׁ** אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ נִישְׁט פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן פוּן אַזוֹיפִיל מִיט מַאכְן קְרִיגֶערַייעֶן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ.

דֶערְפַאר וֶוען זֵיי עֶסְן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און זֵיי זֶעעֶן וִוי שֵׁיין עֶס קוּקְט אוֹיס אַ אִידִישֶׁער שְׁטוּבּ; דֶער טַאטֶע זִיצְט אוֹיבְן אָן וִוי אַ קֶענִיג, און דִי מַאמֶע זִיצְט וִוי אַ קֶענִיגִן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער בַּיי דִי זַייט. מֶען רֶעדְט שֵׁיין און לִיבְלִיךְ אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ' און בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן מִיט בָּארְד און פֵּיאוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קכז.): "**גְדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה**"; וַוייל דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז גוֹרֵם אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֶפָּצָה; פַּארְצֵייל מִיר אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, בִּפְרַט וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר און מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר. אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן וֶוען מֶען פַארְשִׁיקְט דִיר פוּן אַ שְׁטוּבּ, **אוֹיף מִיר שְׁרֵייט מֶען אוֹיךְ**, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְשֶׁעמְט מֶען מִיר, נָאר אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, אִיךְ קוּק נָאר צִי אִיךְ קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ בָּחוּר און נָאךְ אַ מֵיידְל לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**גֵיי הֶפָּצָה און לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס...**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה מִיטְן גֶעבְּן פַּאר דִי רֶענְט פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ ... דָאלֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## די שיעורים גייען אריין אין דיר

איינער האט געפרעגט פון דער ראש ישיבה: "יעדעס מאל נאך א שיעור פרוביר איך זיך צו דערמאנען וואס מען האט גערעדט ביים שיעור, אבער איך קען מיך נישט דערמאנען, עס זעט אויס ווי עס גייט אריין אין איין אויער און גלייך נאכדעם ארויס פון די צווייטע".

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס איז גארנישט, עס איז נישט קיין פראבלעם, עס איז דא מענטשן וואס קענען גלייך איבערזאגן די גאנצע שיעור און עס איז דא מענטשן וואס קענען נישט איבערזאגן די גאנצע שיעור, עס איז נישט אמת וואס דו זאגסט אז עס איז נישט אריין אין דיר, די שיעור איז יא אריין אין דיר, ווען עס וועט אנקומען צו א מצב וואס דו וועסט נישט וויסן וואס צו טוהן וועסטו זיך דערמאנען פון דאס וואס דו האסט דעמאלט געהערט".

האט דער ראש ישיבה פארציילט: "נאכן שיעור פון מוהרא"ש האב איך נישט אלעמאל געדענקט וואס מוהרא"ש האט גערעדט, פלעג איך זיך אויפצייכענען אויף א צעטל בשעת די שיעור אויף א איידעלן אופן וואס מוהרא"ש האט גערעדט, און שפעטער ווען איך האב איבערגעקוקט דעם צעטל האב איך מיך דעמאלט דערמאנט דעם גאנצן שיעור".

אויך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט: "**די שיעורים גייען זיכער אריין אין דיר**, אפילו דו געדענקסט נישט נאכן שיעור, והא ראי' ווייל דו האסט שלום בית אדאנק די שיעורים, און דו ענטפערסט נישט צוריק ווען דיין ווייב זאגט א ווארט, פאר דו האסט געהערט די שיעורים האסטו נישט געהאט די שלום בית וואס דו האסט היינט, דאס קומט נאר פון די דרשות וואס גייט זיכער יא אריין אין דיר".



# א מעשה פון א צדיק

## דִי אֵיי אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן!

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ'ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר חֲנוּכָּה דֶערְצֵיילְן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה; אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט אַסַאךְ אֵיינִיקְלֶעךְ און אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ, זִי אִיז אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אֵיינְמָאל הָאט זִי צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה און זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע אָרֶעמְקֵייט? מִיר דַארְפְן טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אוּנְזֶער דַחְקוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טְרַאכְטְן וָואס מִיר קֶענֶען טוּן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אָרֶעמְקֵייט", הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לֶעזוּנְג: "בַּאבֶּע'טְשִׁי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר הָאבְן אִינֶעם גַאנְצְן הוֹיז אִיז 'אַיין אֵיי', לָאמִיר אַרוֹיפְלֵייגְן דִי אֵיי אוֹיפְן טִישׁ און יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט דֶעם אֵיי".

מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶענוּמֶען דֶעם אֵיי און גֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ. הָאט אַן אֵיינִיקְל פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם אֵיי און לֵייגְן בַּיים שָׁכֵן אוּנְטֶער אֵיינֶע פוּן זַיינֶע הִינֶער אַזוֹי וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶעם אֵיי אַ הִינְדֶעלֶע, וֶוען דִי הִינְדְל וֶועט גְרוֹיס וֶוערְן וֶועט זִי לֵייגְן אֵייעֶר און פוּן דִי אֵייעֶר וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען נָאךְ הִינְדְלֶעךְ בִּיז מִיר וֶועלְן קוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶע הִינֶער שְׁטֵייג, אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְן גֶעלְט.

אַ צְוֵוייטֶע אֵיינִיקְל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן וֶוען מֶען וֶועט קוֹיפְן דֶעם גְרוֹיסְן הִינֶער שְׁטֵייג זָאל מֶען דָאס לֵייגְן און הוֹיף אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס וֶועט קֶענֶען אַרוֹיס גֶעבְן אַסַאךְ אֵייעֶר.

אַ דְרִיטֶער אֵיינִיקְל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ פַארְקוֹיפְן אַ טֵייל פוּן דִי אֵייעֶר און קוֹיפְן מִיט דִי גֶעלְט אַ קוּ און פוּן דִי קוּ וֶועט מֶען הָאבְן מִילְךְ און פוּן דִי מִילְךְ וֶועט מֶען מַאכְן פִּיטֶער מִיט קֶעז און דָאס פַארְקוֹיפְן וֶועט מֶען קַיין לֵייזְן אַ שֵׁיינֶעם מַטְבֵּעַ.

רוּפְט זִיךְ אָן אַ פֶערְטֶער אֵיינִיקְל: "אֶפְשָׁר זָאל מֶען נָאכְדֶעם קוֹיפְן אַפָּאר קוּעֶן, אַזוֹי וֶועט זַיין מֶער מִילְךְ?" בְּקִיצוּר עֶס אִיז גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיג אִין שְׁטוּב, אַלֶע הָאבְן שׁוֹין גֶעטְרַאכְט וואוּ עֶס אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע פְּלַאץ צוּ בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטַאל פַאר דִי קוּעֶן, בִּיז אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעבְן אַ שָׁאקְל דֶעם טִישׁ... **דִי אֵיי אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן און עֶס הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן,** הָאט דִי בַּאבֶּע גֶעגֶעבְן אַ גֶעשְׁרֵיי: "אוֹי וֵויי, יֶעצְט הָאבְן מִיר אַלֶעס פַארְלוֹירְן!"

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי צִיל פוּן דִי יְוָנִים, אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִמְיוֹנוֹת און נַארִישְׁקֵייטְן וָואס מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם תַּכְלִית; אִיז יֶעצְט חֲנוּכָּה וֶוען עֶס שַׁיינְט דִי אוֹר הַגָּנוּז הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן מִתְבּוֹנֵן זַיין אַז אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיסֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת לב בַּאֲרִיכוּת).

(עצתו אמונה תשע"ז)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- י"ג -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ דְרֵיי מָאל, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל הָאט עֶר עֶס גֶעלֶערְנְט פָּשׁוּט׳עֶרְהֵייט, דִי צְוֵוייטֶע מָאל הָאט עֶר עֶס גֶעלֶערְנְט מֶער בְּעִיּוּן אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט יֶעדֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ דֶער מְקוֹר דֶערוֹיף אִין גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט צוּם דְרִיטְן מָאל הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן יֶעדֶע הֲלָכָה דֶער סוֹד דֶערְפוּן, פַאַרְוָואס דֶער דִין אִיז אַזוֹי עַל פִּי סוֹד. לוֹיט וִוי מְ׳פַארְשְׁטֵייט אִיז דָאס גֶעוֶוען נָאךְ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶע׳חַזְרְ׳ט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ נָאךְ פִּילֶע מָאל.

***

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר "עֵץ חַיִּים", אוּן "פְּרִי עֵץ חַיִּים", אוּן אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, דֶער סֵפֶר הַזּוֹהַר, אוּן דֶער עִיקָּר פוּן תִּקּוּנִים. וִוי מְ׳הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען נָאךְ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְכְ׳ן אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ פוּן גָאר יוּנְגֶערְהֵייט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ, סְ׳אִיז אִים בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהוֹיבּ אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִין אַ צוּ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֵיין גֶעצְוִוינְגֶען דָאס צוּ טוּן, עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן זַיין נַאטוּר אוּן אִיז גֶעזֶעסְן יֶעדְן טָאג פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת אַלֵיין אִין זַיין צִימֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַזַא אָנְגֶעפִילְטֶע טָאג מִיט עֲבוֹדַת ה׳, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז סְ׳אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ פַאר אִים דָאס צוּ דֶערְהֵייבְּן, עֶס אִיז גֶעוֶוען פִיל מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן וִוי אַזוֹי עֶר זָאל דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

זַיין עֵצָה אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן טָאג הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז נָאר אוֹיף יֶענֶעם טָאג וֶועט עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען בְּלוֹיז פַאר אֵיין טָאג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַרַיינְכַאפְּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען. אוּן דֶער פַאקְט אִיז אַז פַאר אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן, סְ׳אִיז דָאךְ בְּלוֹיז נָאר פַאר אֵיין טָאג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר בַּאוִויזְן אָנְצוּפוּלְן דֶעם טָאג מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר צוּמָארְגְנְס וִוידֶער זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען זַיינֶע קַבָּלוֹת, אוֹיךְ נָאר פַאר אֵיין טָאג... אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס גֶעוֶוען זַיין עֵצָה אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אָן דֶעם וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל סְ׳אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה׳, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט עֶס טוּן בְּלוֹיז נָאר פַאר נָאךְ אֵיין טָאג, אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.





דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דֶעמָאלְט אוֹיךְ מַאכְן אַסַאךְ מָאל נְדָרִים. אַסַאךְ מָאל אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם וָואס עֶר ווִיל אַלְץ אַרַיינְכַאפְּן אִין יֶענֶעם טָאג, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס טַאקֶע אוֹיסְפִירְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר עֶר הָאט גֶעמוּזְט טוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען.

דִי זֶעלְבֶּע פְלֶעגְט עֶר טוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוָה אָדֶער שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ מַאכְן אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר אֲפִילוּ גֶעשְׁוואוֹירְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פרשת נשא - תשפ"ב

**נפתלי הירצקא וואלנער - תלמיד הישיבה דערציילט:** שכח אייבערשטער אז די וואך האב איך געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת פרשת נשא - י"ב סיון, איך וועל זיך מטריח זיין אראפצושרייבן די גאר דערהויבענע מאמענטן צו פארשאפן אן עונג שבת פאר די חשוב'ע ליינער..

### ליגן שלאפן די קינדער

אויפן וועג אהיים פון שול האט דער ראש ישיבה גערעדט פון אכטונג געבן אויף די קינדער אין די צייטן וואס איז נישטא קיין געהעריגע סדר ווי למשל ערב שבת און ערב יום טוב, דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאל לייגן שלאפן די קינדער אין די אלע צייטן.

### פייגלעך קוויטשען

נעבן די הויז פון דער ראש ישיבה איז דא א פארק, דארטן האט געארבעט ווילדע גוי'אישע מוזיק, דער ראש ישיבה האט צאמגערופן אלע קינדער און זיי געזאגט: "וואס איז די חילוק פון שטאט און שטעטל?... אין שטאט הערט מען גוי'אישע מוזיק, אין שטעטל הערט מען פייגלעך קוויטשען!..."

### נישט געלייגט די האנט אינטער די גארטל אזוי ווי רבינו הקדוש

ווען מ'איז אנגעקומען אהיים האט דער ראש ישיבה אויסגערופן א ווארימע "גוט שבת".

פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה ארויסגענומען א סידור, זיך אנרופענדיג: "מיין טאטע האט מיך געגעבן די סידור פאר א מתנה, מיין זיידע - דער קארלסבורג'ער רב זכותו יגן עלינו פלעגט דאווענען אין דעם".

דער ראש ישיבה האט אנגעטון די ווייסע בעקיטשע פון זיין זיידע - דער קארלסבורג'ער רב זכותו יגן עלינו - און האט דערביי געזאגט: "מיין זיידע פלעגט קיינמאל נישט אראפלייגן די האנט אונטער די גארטל, אזוי ווי רבינו הקדוש".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון הרב אלחנן חיים שליט"א וויפיל מאל ער האט זוכה געווען צו משמש זיין דער הייליגער קארלסבורג'ער רב זכותו יגן עלינו, האט ער געענטפערט צוויי מאל.

אלחנן חיים האט דערציילט אז איינמאל האט אים זיין עלטער זיידע געבעטן ער זאל אים אויפוועקן צוויי דרייסיג, למעשה האט ער זיך אויפגעוועקט זעקס אזייגער, און זיין זיידע - דער ראש ישיבה'ס טאטע - האט אים דערציילט אז ער האט אים פרובירט צו וועקן אבער ער האט נישט געקענט, איז ער געגאנגען זיך אנטון, און אליין געהאלפן זיין זיידע. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "מן הסתם האט ער עס דווקא געטון, ער האט אליין געוואלט העלפן זיין אייגענע טאטע".

מ'האט אנגעהויבן זינגען זמירות, דער ראש ישיבה האט די גאנצע צייט געוויזן פאר זיינע קינדער זיי זאלן מיטזינגען הויך.

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען איינער פון די געסט אויפצוהייבן די בעכער, און דער ראש ישיבה האט געהייסן פאר יצחק דוד זאל וויזן פארן גאסט ווי אזוי מ'הייבט אויף די בעכער.

### לכבוד שבת קודש

נאך קידוש האבן זיך אלע קינדער געשטעלט אין א רייע ביי די סינק, דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע קינדער, געמאכט המוציא און אויפגעשניטן די חלה, נאכן טועם זיין פון די חלה האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "מאמי, די חלה איז זייער גוט".

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר שמעון אריינצוברענגען די פיש, און אז אלחנן גייט זיין די שר המשקים, נאך מ'ענדיגט די פיש גייט ער געבן גרעי"פ דשו"ס מיט סעלצער.

מ'האט געקענט זען אז דער ראש ישיבה מאכט די מאכלי שבת זייער געשמאק און פרייליך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'דארף זאגן "לכבוד שבת קודש", ווייל ס'שטייט פון אר"י הקדוש אז דורך דעם וואס מ'זאגט "לכבוד שבת קודש" ווערן די מאכלים געהייליגט, הגם מאכלי שבת איז סתם אזוי הייליג (ווי דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, מאכלי שבת כולו קודש, כולו אלוקות), אבער אז מ'זאגט "לכבוד שבת קודש" ווערט די עסן נאך מער געהייליגט.

### אין מקוה רעדט מען נישט

מ'איז אריין אין א שמועס בנוגע די שטעטל, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די שטעטל איז זייער א שיינע פלאץ, אבער איין חסרון איז דא אין שטעטל, דארט איז אלעס תלמידי היכל הקודש, און זיי ווייסן דאך אז מ'גייט פרי אין מקוה ערב שבת, דעריבער איז די מקוה אין שטעטל פיל יעדן ערב שבת ביי חצות, און איך קען נישט גיין מיט מיינע קינדער אין מקוה ווען ס'איז פול, דא אין שטאט נעם איך די קינדער אין מקוה ערב שבת ביי חצות אין די מקוה נעבן מיין שטוב, דא איז ליידיג ביי חצות"...

א בחור האט געפרעגט אויב ס'איז א שיינע מקוה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס הייסט א שיינע מקוה? ס'איז א קליינע שטיבל מקוה. אמאל פלעג איך גיין פון צייט צו צייט אין מקוה נעבן די ישיבה, איך פלעג דארט טרעפן בחורים שמועסן הויך און מקוה, איך קען שוין נישט גיין דארט, ס'איז אזוי עקלדיג. איך לערן אויס מיינע קינדער אז מ'גייט מיט א האנטוך אין מקוה און מ'רעדט נישט אין מקוה, ס'איז אזא עקלדיגע זאך צו רעדן אין מקוה!"

### עצתו אמונה פאר קינדער

דער ראש ישיבה האט צוזאמגערופן אלע זיינע קינדער און זיי דערציילט די מעשה פון "עצתו אמונה פאר קינדער", די מעשה הייסט "די גרויסקייט פון בזיונות". דער ראש ישיבה האט עס זייער שיין פארגעליינט, ס'איז געווען א גרויסער חידוש ביי מיר, דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט אזוי דראמאטיש, מיט מאדנע קולות און תנועות מיט די הענט, ס'איז געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו די קינדער אזוי שיין און פריילך.

### שפילן מיט די קינדער

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'האט שוין לאנג נישט געשפילט די געים מיט די האנטוך! דער ראש ישיבה האט גענומען א האנטוך און געזאגט אז ער גייט עס ווארפן אויף יצחק דוד און דערווייל האט ער עס געגעבן א שיס אויף הערשי, "יעצט גייט מען עס שיסן אויף יוסף מוקיר שבת" און דער ראש ישיבה האט עס געגעבן א שיס אויף הערשי, "יעצט גייט מען שיסן אויף אלחנן", און דער ראש ישיבה האט גלייך צוריק געצויגן "אלחנן איז דאך היינט א מגיד שיעור, ער האט שוין גענוג געכאפט!..."

אזוי האט דער ראש ישיבה ווייטער געשפילט די געים, און די קינדער האבן עס געוואלט צוריק ווארפן אויף דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט שטרענג: "מ'טאר נישט שיסן אויף א טאטע, ס'איז נישט קיין דרך ארץ".

> דער ראש ישיבה האט געזאגט, מ'זאל איבערגעבן פאר די רעדאקטער פונעם בלעטל מען זאל דאס לייגן אינמיטן די עמוד מיט גרויסע אותיות:
>
> "ס'גייט מיר אין לעבן קדושת ישראל, אז אידישע פרויען זאלן זיך שערן די האר".

### א געפיל צו צניעות

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים אז מ'דארף מאכן תפילות אז די ווייב זאל זיך שערן די האר און זי זאל האבן א געפיל צו צניעות. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "ס'גייט מיר אין לעבן קדושת ישראל, אז אידישע פרויען זאלן זיך שערן די האר".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'זאל איבערגעבן פאר די בלעטל זיי זאלן דאס לייגן אינמיטן די עמוד מיט גרויסע אותיות: "ס'גייט מיר אין לעבן קדושת ישראל, אז אידישע פרויען זאלן זיך שערן די האר".

### אינהאלט פונעם סעודה

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט אביסל מיטטיילן פארן ציבור אזא שיינע סעודה, מ'קען זיך ארויסלערנען אזוי פיל שיינע זאכן.

**א.** לייגן שלאפן די קינדער פרייטאג און שבת נאכמיטאג. **ב.** ארויסנעמען נקודות טובות פון יעדע זאך. **ג.** די שיינקייט פון שטעטל. **ד.** מאכן יעדן פילן גוט. **ה.** כיבוד אב ואם. **ו.** זאגן "לכבוד שבת קודש" **ז.** הנהגות אין מקוה. **ח.** מאכן פרייליכע סעודות. **ט.** אכטונג געבן אויף צניעות. **י.** אידישע פרויען זאלן זיך שערן די האר

איך בעט איבער די ליינער צוליב וואס ס'איז אזוי לאנג פארצויגן און וועגן דעם איז פארלוירן געווארן א חלק פון די סעודה, ואתכם הסליחה.

## ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך.



בחורי הישיבה
ביי די מנורה אין
ישיבה צוזאמען
מיט'ן ראש ישיבה
שליט"א
שנת תשע"ח

1. שמעון פיש
2. אלחנן רוטה
3. יוסי פרעוויא
4. משה זוסמאן
5. שמעי שווארץ
6 בנציון יאקאבאוויטש
7. משה איינהארן
8. משה ראזענבערג
9. קלמן וועבערמאן
10. פנחס דוד וועבערמאן
11. יעקב הלל פארקאש
12. שמחה בלאק
13. יוסי ווייס
14. אברהם יצחק אייזנער
15. אהרן פיש
16. נחמן נתן בוים
17. יעקב ראטענבערג
18. אהרן לונגער
19. לייב אפפעל
20. יואליש קרויס
21. שלמה רוטה
22. זאבי דייטש
23. יוסף מערמעלשטיין
24. שלמה שטראה
25. ראש ישיבה שליט"א
26. שמעון פארטיגאל
27. יצחק רוטנער
28. משולם פינטער
29. אברהם פיש
30. יחזקא שארף
31. סענדי ראטה
32. חיים יואל פישער
33. שלמה סאבאוויטש
34. ישראל סאמעט
35. אברהם אלטמאן
36. נתן צבי בלוי
37. שמעון ענעצוויג
עליו השלום
38. שמעון איינהארן

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

## קרית ברסלב ספרים סטאר
51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר צענען גרייט מיט אלע חנוכה אייטעמס, מנורות דריידלעך arts & crafts און דאס גלייכן, פאר די גאנצע משפחה פון גרויס ביז קליין.

אויך האבן מיר א גרויסע אויסוואל פון אלע ספרים, ביכלעך און דזשודעיקא אייטעמס, פאר אייך און די גאנצע משפחה.

**לייבי ראטה**
347-578-4449




## LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

מיר ווילן הערן אייער מיינונג אויב עס איז וויכטיג צו האבן א קאליר פרינטער אינעם לאונטש.

לאזט אונז וויסן דורך שיקן א טעקסט צו
347-525-5681



# א מעשה פון תפלה פאר קינדער

יואליש אייזנער נרו יאיר פון וויליאמסבורג פארציילט:




געמאלן דורך: מרת אייזנער

# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** אליעזר שלמה וועבערמאן – קרית ברסלב 4 יאר

**נאך:** אונזער הייליגער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער אים

עס פלעגט זיין איינגעפירט ווען מוהרא"ש האט געלעבט, אז אנשי שלומינו פלעגן אריבערגיין מיטהאלטן די ליכט צינדן ביי מוהרא"ש, און דערנאך אריבער גיין נעמען א ברכה פון מוהרא"ש, און פרעגן וואס מען האט געוואלט פרעגן.

איין יאר חנוכה זענען מיינע עלטערן געווען ביי לעכט צינדן פון מוהרא"ש, נאך ליכט צינדן האבן זיי געזאגט פאר מוהרא"ש אז זיי האבן נאר מיידלעך, און זיי ווילן אויך זוכה זיין צו האבן אינגלעך, האט זיי מוהרא"ש געזאגט: ענק וועלן נאך האבן אינגלעך, זארגט נישט. נאכדעם האבן אונז געבוירן נאך א מיידל, און נאכדעם בין איך געבוירן געווארן, און אינטער מיר איז שוין דא נאך צוויי אינגלעך, אזוי האט מען געזען טאקע אז דאס וואס מוהרא"ש האט געזאגט איז מקוים געווארן.

מוהרא"ש האט געזאגט ער האט געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און מקיים זיין יעדע זאך וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, אזוי האט ער טאקע זוכה געווען צו אויסוואקסן אזא גרויסע צדיק.

איך וויל אויך אויסוואקסן א גרויסער צדיק און גיין אין די וועגן פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.



**אויפן בילד:** "מוהרא"ש ביי חנוכה ליכט צינדן תשע"ד"

# בילדער
## אפטיילונג

**קביעת מזוזה ביים נייעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל - זונטאג וישב**


קרעדיט: ישראל סאמעט















דער ראש ישיבה מיט די נדבנים פונעם בנין ביים לייגן א מזוזה







דער ראש ישיבה באזוכט ביי די נייע אפיסעס פון די
מוסדות ביים נייעם בנין התלמוד תורה - זונטאג וישב




דער ראש ישיבה ביי א שמועס מיט האברך מו"ה יואל
הכהן ראזענבערג הי"ו ביים מעמד קביעת מזוזה




סעודת לחיים ביי מעמד קביעת מזוזה







ברית פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן האברך מו"ה אשר
לעווי הי"ו - מאנטאג וישב




די קינדער אין שטעטל חדר ביים זיך גליטשן אין די שניי




אויך אין לאנדאן איז די שניי אנגעקומען.
אויפן בילד: נפתלי און מרדכי העסקל נ"י אין די לאנדאנע שניי







חתונה פון החתן תלמיד הישיבה אפרים פעלדמאן הי"ו
מיטוואך וישב







מען ריקט זיך פאראויס ביים בויען די פרישע הייזער אין שטעטל




געדרוקט די צוויי נייע מוזיק סידיס אין ארץ ישראל אויף א נייעם סארט וועג




אין א שמועס מיט די אינגעלייט נאכן ליל ששי שיעור פרשת וישב






גרויסארטיגע בית התבשיל חלוקה אין שטעטל - א' מקץ




שבת התוועדות מיט די בחורים - פרשת וישב




די קינדער פון כיתה א' אין שטעטל האבן אויפגעשטעלט
א הערליכע מנורה פון קליקס




נחמן נתן שניצלער נרו יאיר געמאכט א מנורה פון קלעי




אליעזר שלמה שטיינבערג נרו יאיר אהערגעשטעלט א
שיינעם מנורה מיט קליקס

# בילדער
## ארכיוון

### מוהרא"ש זי"ע
### באזוכט אין ישיבה
### זאת חנוכה תשע"א







בעזרת השם יתברך

# להודות ולהלל

מיט גרויס פרייד ווילן מיר איינלאדענען

## אלע משפחות אנשי שלומינו

צום

# מלוה מלכה

## מוצאי שבת חנוכה

להודות ולהלל - צו דאנקן

דעם באשעפער

אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן,

צוזאמען מיט א גרויסארטיגן

# חנוכת הבית

פארן נייעם בנין התלמוד תורה

אין קרית ברסלב ליבערטי

**בהשתתפות הראש ישיבה שליט"א**

## די מסיבה ווערט פארקומען

## אינעם ערשטן בנין התלמוד תורה

39 טשעסנאט ליבערטי ניו יארק

חנוכת הבית תלמוד תורה

מוצאי שבת חנוכה תשפ"ג

